הלכות ומנהגים
הלכות ליל הסדר

# לב שומע

תמצית שיעורים אויף די פרשה

פון הרה"ג רבי שמעיה לעוו שליט"א
דומ"ץ דקהל יטב לב ד'סאטמאר

אידיש

## חג הפסח

לעילוי נשמת
הרה"ח מקים עולה של תורה
ר' ישעי' זאב בן הרה"ח ישראל ישכר זלה"ה
ראש הקהל דקהל יטב לב סאטמאר - לאנדאן

ניתן לשמוע השיעורים ב'קול הלשון'
020 81917000
[ex3,1.11.1]

'שגיאות מי יבין' - אי אפשר לבר בלא תבן
בבקשה, המוצא שגיאה כלשהוא יואיל להודיע
למו"ל למען יתוקן אי"ה

להערות והארות ולקבלת הגליון יש לשלוח לאימעל
levshomeya@gmail.com

סדר ועימוד: **א. י. גרינוואלד**
054-8494370

# תוכן הענינים

## הגדה של פסח


**די גרויסקייט פון ליל הסדר** ........ ד

☆ דער שכינה געפונט זיךביים סדר ☆ דער באשעפער'ס סדר ☆ לֵיל הַסֵּדֶר שַׁיינְט און אַלֶע סָארְט נְשָׁמוֹת ☆ אֲפִילוּ הָמָן הָאט אַ תִּיקוּן פֶּסַח בַּיינַאכְט

**יְצִיאַת מִצְרַיִם - עַבְדֵי הַשֵּׁם** ........ יא

☆ בֶּן עוֹלָם הַבָּא ☆ כִּי לִי בְנֵי יִשְׂרָאֵל עֲבָדִים ☆ שְׁפִּירְן יְצִיאַת מִצְרַיִם אִין דִי בֵּיינֶער ☆ אֱמוּנָה דַארְף מֶען אִיבֶּערְגֶעבְּן וַוייטֶער ☆ הַבָּא לְטָהֵר מְסַיְּעִין אוֹתוֹ ☆ לְמַעַן תְּסַפֵּר - דִי כֹּחַ גֵייט אַרִיבֶּער צוּ דִי קִינְדֶער


## שביעי של פסח


**שִׁירַת הַיָּם** ........ טו

☆ הַלָּלוּ עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה ☆ עֶס הָאט גֶעפֶעלט דַעַת ☆ מַה תִּצְעַק אֵלָי ☆ תְּפִלָּה מִיט אֱמוּנָה ☆ דֶערהֶערט דִי נִסִים ☆ וַיִּרְאוּ הָעָם ☆ אָז יָשִׁיר


## הלכות ליל הסדר


ליל פסח ........ כב

הלכות שבת הנוגע לליל הסדר ........ כד

הכנה לליל סדר ........ כז

הלכות הסיבה ........ ל

דיני ארבע כוסות וקידוש ........ לא

# הגדה של פסח

## די גרויסקייט פון ליל הסדר

☆ דער שכינה געפונט זיך ביים סדר ☆ דער באשעפער'ס סדר ☆ לֵיל הַסֵּדֶר שַׁיינְט און אַלֶע סָארְט נְשָׁמוֹת ☆ אֲפִילוּ הָמָן הָאט אַ תִּיקוּן פֶּסַח בַּיינַאכְט

### דער שכינה געפונט זיך ביים סדר

**עֶס** אִיז בַּאקַאנְט דִי קַשְׁיָא, פַארְוָואס מֶען זָאגְט "הָא לַחְמָא עַנְיָא"[א] אִין דִי אַרַמִי'שֶׁע שְׁפְּרַאךְ, און נִישְׁט אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ.

**דֶער** עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם עֶנְטְפֶערְט, לויט דִי גְּמָרָא (שַׁבָּת יב א) וָואס זָאגְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט דַאוֶוענֶען אִין דִי אַרַמִי'שֶׁע שְׁפְּרַאךְ, וַוייל דִי מַלְאָכִים טְרָאגְן נִישְׁט אַרוֹיף קַיין תְּפִילוֹת וָואס וֶוערְן גֶעזָאגְט אִין דִי אַרַמִי'שֶׁע שְׁפְּרַאךְ, וַוייל זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין אַרַמִיש. אָבֶער אֵיינֶער וָואס גֵייט מְבַקֵּר חוֹלֶה זַיין קֶען יָא דַאוֶוענֶען אִין דִי אַרַמִי'שֶׁע שְׁפְּרַאךְ, וַוייל דִי שְׁכִינָה גֶעפִינְט זִיךְ בַּיי דִי קָאפּ פוּן אַ קְרַאנְקֶע מֶענְטְשׁ, און דֶערִיבֶּער פֶעלְט נִישְׁט אויס אַז דִי מַלְאָכִים זָאלְן אַרוֹיפְטְרָאגְן דִי תְּפִילָה.

**און** אַזוֹי אִיז אוֹיךְ בַּיי דִי סֵדֶר נַאכְט, **דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ בַּיי יֶעדְן אִיד בַּיים סֵדֶר**, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי בַּאקַאנְטֶע שְׁטִיקְל זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (שְׁמוֹת מ ב, רַעֲיָא מְהֵימְנָא) וָואס מֶען פִירְט זִיךְ צוּ זָאגְן בַּיים סֵדֶר פַאר מֶען אִיז מְקַיֵים דִי מִצְוָה פוּן סִיפּוּר יְצִיאַת מִצְרַיִם: יֶעדֶע יָאר אִין דִי נַאכְט פוּן פֶּסַח, פְרֵיידְט זִיךְ השי"ת מִיט דֶעם וָואס דִי אִידְן דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם, און עֶר רוּפְט צוּזַאם זַיינֶע מַלְאָכִים און עֶר זָאגְט זֵיי "גֵייטְס און הֶערְטְס דִי דֶערְצֵיילוּנְג פוּן מַיין לוֹיבּ, וָואס מַיינֶע קִינְדֶער דֶערְצֵיילְן און זֵיי פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט מַיין אוֹיסְלֵייזוּנְג". **דֶערִיבֶּער קֶען מֶען**

---

**א.** דרך אגב, עס ווערט געברענגט בשם דער רבי ר' בונם פון פשיסחא זיע"א, אז דער בעל ההגדה [דער וואס האט געשריבן די הגדה] איז אליהו הנביא ז"ל, און אזוי זעהן מיר אויך פון די לשון 'ברוך המקום ברוך הוא', וואס די לשון שטייט אין ספר 'תנא דבי אליהו' ניין און דרייסיג מאל. און געוויסע האבן דאס מרמז געווען אין די אנפאנג פון די הגדה 'הא לחמא עניא', די ווארט 'הא' איז ר"ת 'אליהו הנביא', אזוי ווי מען פירט זיך צו מרמז זיין די נאמען פון א פייטן אנפאנג פון א פיוט.

**דָאס זָאגְן אִין דִי אַרַמִי"שֶׁע שְׁפְּרַאךְ וַוייל עֶס פֶעלְט נִישְׁט אויס אַז דִי מַלְאָכִים זָאלְן אַרויפְפִירְן דִי תְּפִילוֹת, וַוייל דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה גֶעפִינְט זִיךְ מַמָּשׁ אִין יֶעדֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב**[ב].

**דֶער** הֵיילִיגֶער תִּפְאֶרֶת שְׁלֹמֹה אִיז מַאֲרִיךְ אִין דֶעם, עֶר שְׁרֵייבְּט (מוֹעֲדִים, שַׁבָּת הַגָּדוֹל ד"ה בַּמִּשְׁנָה פ' עַרְבֵי פְּסָחִים): **מֶען דַארְף גוּט מְסַדֵּר זַיין דִי טִישׁ אוּן דִי מַצוֹת אִין דִי סֵדֶר נַאכְט, וַוייל דִי טִישׁ אַלֵיין וֶוערְט אָנְגֶעגְרֵייט אויבְּן אִין הִימְל פַארְן בַּאשֶׁעפֶער.** אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט פוּן דִי לָשׁוֹן פוּן דִי מִשְׁנָה "הֵבִיאוּ לְפָנָיו" "מוֹזְגִין **לוֹ**", דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, אַז דִי אִידְן בְּרֶענְגֶען פַארְן בַּאשֶׁעפֶער דִי אַלֶע מִצְוֹות פוּן דִי סֵדֶר, **אוּן דִי אִידְן זֶענֶען דִי וָואס בְּרֶענְגֶען מַצוֹת אוּן מָרוֹר אוּן גִיסְן אָן וַויין פַאר כִּבְיָכוֹל הקב"ה אַלֵיין!** אוּן דִי לָשׁוֹן "לְפָנָיו" אִיז אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן "וְנֹאמַר לְפָנָיו שִׁירָה חֲדָשָׁה" וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער[ג].

## דער באשעפער'ס סדר

**דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ פִירְן בַּיים סֵדֶר מִיט כּוֹבֶד רֹאשׁ**[ד], אַזוֹי וִוי עֶס

---

**ב.** אפשר וועגן דעם זאגן מיר די 'חד גדיא' ביים סוף פון די סדר – אין די ארמי'שע שפראך, כדי צו ווייזן אז די שכינה הקדושה בלייבט אין יעדע אידישע שטוב די גאנצע נאכט, און זי ווארט אויס ביזן סוף...

- עס איז באקאנט אז דער הייליגער חוזה פון לובלין זיע"א האט געזאגט אז די טעם פארוואס מיר זאגן די 'חד גדיא' איז וויבאלד עס איז א לחש אנטקעגן עין הרע, און מיר זאגן דאס אלס א סגולה אז מיר זאלן נישט געשעדיגט ווערן ח"ו פון די קנאה פון די מלאכים אויף די גרויסע מדריגה וואס מיר זענען זוכה דערצו אין די נאכט פון פסח!

**ג.** עס איז כדאי אנצומערקן א פלא'דיגע זאך, אז די יסוד פון דער 'תפארת שלמה' אז די סדר טיש איז אנגעגרייט פארן באשעפער אליין – מאכט א חילוק ע"פ הלכה! אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין די פוסקים: אז א גאנץ יאר, אויב האט איינער זיך געוואשן בטעות מים אחרונים, אדער אויב ער האט געזאגט 'הב לן ונברך', ווערט דאס גערעכנט אלס א היסח הדעת און אויב וויל ער ווייטער עסן דארף ער נאכאמאל מאכן א ברכה (שו"ע או"ח קע"ט יא). אבער אויב דאס איז געשעהן פסח ביינאכט פארן עסן די אפיקומן, זעהן מיר אין תוספות (ברכות מב א, ד"ה אתכא דריש גלותא) אז דאס ווערט נישט גערעכנט אלס א היסח הדעת, און ער דארף נישט מאכן נאכאמאל די ברכה 'המוציא', און תוספות איז מסביר: ווייל 'פסח ביינאכט זיצן מיר ביים טיש פון השי"ת!' און אזוי פסק'נט דער שולחן ערוך (או"ח תע"ז ב). און מען קען דאס מסביר זיין, אזוי ווי דער משנה ברורה ערקלערט, אז וויבאלד ער דארף נאך מקיים זיין די מצוה פון השי"ת צו עסן די אפיקומן, ווענדט זיך דאס נישט אין זיין דעת. און מען קען צולייגן נאכמער, לויט ווי דער הייליגער תפארת שלמה שרייבט, אז **וויבאלד הקב"ה און די גאנצע פמליא של מעלה קומען אראפ און זיי געפונען זיך ביי דעם איד'ס סדר, ווערט דאס פארעכנט ווי די טיש פון השי"ת ממש** און ממילא איז עס נישט תלוי אין זיין דעת.

**ד.** עס ווערט געברענגט אין תפארת שלמה (מועדים, רמזי פסח) אויף דאס וואס עס שטייט אין

וָוערט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר השל"ה (פְּסָחִים נֵר מִצְוָה אוֹת לז): דִי קְדוּשָׁה פוּן דִי נַאכְט אוּן דִי קְדוּשָׁה פוּן אַלֶע הֲלָכוֹת וָואס גֵייעֶן אָהן אִין דִי נַאכְט אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, וַוייל אִין דִי נַאכְט הָאט דֶער אֵייבִּישְׁטֶער אוּנְז אוֹיסְגֶעוועלְט פוּן צְווִישְׁן אַלֶע פֶעלְקֶער אוּן עֶר הָאט אוּנְז גֶעהֵיילִיגְט מִיט זַיינֶע מִצְווֹת, וֶועגְן דֶעם אִיז רָאוּי אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן קַיין שׁוּם שִׂיחַת חוּלִין אִין דִי נַאכְט פוּן פֶּסַח, אוּן אַ מֶענְטְשׁ זָאל אָנְזָאגְן זַיינֶע בְּנֵי בַּיִת אוֹיף דֶעם. **אוּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֵׁיידְן פוּן דְבֵיקוּת ה' אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין רֶגַע, נָאר אַלֶע זָאלְן עוֹסֵק זַיין דִי גַאנְצֶע נַאכְט אִין דִי מִצְוֹת פוּן דִי נַאכְט, אוּן אִין דִי דֶערְצֵיילוּנְגֶען פוּן דִי נִסִּים פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם, אוּן מֶען זָאל עֶס מְפַרְסֵם זַיין פַאר דִי בְּנֵי בַּיִת**[ה].

גמרא (נזיר כג א): "וואס איז די פשט פון די פסוק אין הושע (יד י) **'כי ישרים דרכי ה'** די וועגן פון באשעפער זענען גלייך **וצדיקים ילכו בם** און צדיקים גייען אין די גלייכע וועגן **ופושעים יכשלו בם** און רשעים ווערן געשטרויכלט אין זיי'? נאר, עס איז א משל איבער צוויי מענטשן וואס האבן געגעסן זייער קרבן פסח, איינער האט עס געגעסן מיט די כוונה צו מקיים זיין די מצווה פון השי"ת, און איינער האט עס געגעסן כדי פאר זיין הנאה – זיך אנצושטאפן דערמיט. די מצוה פון קרבן פסח – דאס איז די גלייכע וועג פון השי"ת, און דער צדיק גייט אין די גלייכע וועג – דורכן מקיים זיין די מצוה ווי עס דארף צו זיין, און דער רשע שטרויכלט זיך אין די וועג – מיט דעם וואס ער פארפאטשקעט די הייליגע מצוה דורך זיין נארישע כוונה"

דער תפארת שלמה פרעגט אויף דעם: פארוואס נעמט די גמרא אלס א דוגמה דווקא קרבן פסח, און נישט אנדערע קדשים אדער מעשר שני וכדו'? נאר, וויבאלד **אין די נאכט קומען אראפ אויף די וועלט השי"ת און די שכינה הקדושה און אלע מלאכים און די צדיקים פון גן עדן, כדי מיטצוהאלטן די סדר, און זיך משתעשע זיין מיט די אידן,** דעריבער ווען איינער עסט אין די נאכט פון פסח סתם פאר שוואוילטאג, ווערט ער זייער אראפגעקוקט – אז ער פירט זיך אויף ווי א ליידיג-גייער, שטייענדיג פאר השי"ת און זיינע מלאכים. צוליב דעם דארף א מענטש מורא האבן אין די נאכט פון פסח, פון די פחד ה'.

**ה.** עס איז באקאנט וואס דער רבי זי"ע האט נאכגעזאגט פון הרה"צ רבי יושע'לע קראלער זי"ע, אז איינער וואס איז נישט זוכה צו רוח הקודש אין די נאכט, איז נישט בגדר 'אדם'. און הגה"צ רבי משה אריה פריינד זצ"ל גאב"ד ירושלים – וואס איז געווען אן אייניקל פון רבי יושע'לע קראלער זי"ע – האט נאכגעזאגט פון אים אן אנדערע נוסח: ווער עס איז נישט זוכה צו גלוי אליהו אין די סדר נאכט, איז דאס א סימן אז זיינע עלטערן זענען נישט געשטאנען ביים בארג סיני.

רבי יהושע קראלע'ר זיע"א האט געהאט א געשעפט, און ער פלעגט זיצן דארט אריינגעטון אין א גרויסע דביקות, עד כדי כך אז ער פלעגט נישט באמערקן אז מען איז אריינגעקומען אין זיין געשעפט, און מען פלעגט אריינקומען און נעמען זאכן פון זיין געשעפט אהן דעם וואס ער זאל אויפפאסן וואס עס גייט פאר ארום אים.

דער ישמח משה זי"ע האט אמאל געזאגט אויף אים, אז ווען ער איז געווען א קליין קינד

**אוּן** **אוּנְז דַארְפְן דָאס אָנְנֶעמֶען אַלְס אַ מְצִיאוּת, אוּן נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז דָאס אִיז צוּ אַ הוֹיכֶע זַאךְ פַאר אוּנְז, וַוייל אוּנְז זֶענֶען טַאקֶע זוֹכֶה בִּמְצִיאוּת אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אוּן דִי גַאנְצֶע פָּמַלְיָא שֶׁל מַעְלָה קוּמֶען אַרָאפּ צוּ זַיין מִיט אוּנְז בַּיים סֵדֶר טִישׁ, אִין אַ בְּחִינָה פוּן "זֶה הַשּׁוּלְחָן אֲשֶׁר לִפְנֵי ה'"** (יְחֶזְקֵאל מא כב)[ו].

## לֵיל הַסֵּדֶר שַׁיינְט אוּן אַלֶע סָארְט נְשָׁמוֹת

**דֶער** רָשָׁע פְרֶעגְט "**מָה הָעֲבוֹדָה הַזֹּאת לָכֶם?**" אוּן מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן פוּן דֶעם – "**לָכֶם וְלֹא לוֹ**", אַז עֶר רֶעכְנְט זִיךְ נִישְׁט אַרַיין צְוִוישְׁן דִי אִידְן, "**וּלְפִי שֶׁהוֹצִיא עַצְמוֹ מִן הַכְּלָל**" וִויבַּאלְד עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁלָאסְן פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, **כָּפַר בְּעִיקָר** הָאט עֶר גֶעלֵייקְנְט אִין דִי עִיקָר [דִי יְסוֹד פוּן דִי אֱמוּנָה]", אוּן מִיר זָאגְן אוֹיף אִים "**אִילּוּ הָיָה שָׁם** אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם **לֹא הָיָה נִגְאָל** וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט".

**מֶען** דַארְף אוֹיסְקְלָארְן עֶטְלִיכֶע זַאכְן: **א** - פוּן וֶועלְכֶע "עֲבוֹדָה" שְׁלִיסְט זִיךְ דֶער רָשָׁע אוֹיס? **ב** - אִין וֶועלְכֶע "עִיקָר" הָאט דֶער רָשָׁע גֶעלֵייקְנְט? **ג** - פַארְוָואס וָואלְט דֶער רָשָׁע נִישְׁט גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט, אוֹיבּ עֶר וָואלְט גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם?

**קֶען זיין אז דער פְּשַׁט דערפון אִיז: אַז דִי נַאכְט פוּן פֶּסַח אִיז אַ צַייט וָואס יֶעדֶע אִיד אִין יֶעדֶע מַצָּב סַיי אַ "חָכָם" "רָשָׁע" "תָּם" "שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל" – קֶען זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אוּן צוּלִיבּ דֶעם זָאגְן מִיר אִין דִי הַגָּדָה: "כְּנֶגֶד אַרְבָּעָה בָּנִים דִּבְּרָה תּוֹרָה – דִי תּוֹרָה הָאט גֶערֶעדְט צוּ פִּיר סַארְטְן מֶענְטְשְׁן", וָואס דָאס רֶעכְנְט אַרַיין יֶעדֶע מַצָּב אִין וָואס אַ אִיד קֶען זַיין - דִי תּוֹרָה רֶעדְט צוּ יֶעדְן אִיד, וַוייל יֶעדֶער אִיד קֶען זִיךְ דֶערְהֵייבְּן אִין דִי סֵדֶר נַאכְט**[ז].

**מִיר** זֶעהְן דִי עִנְיָן, אִין דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי בְּרָכוֹת פוּן יִצְחָק אָבִינוּ – וַוייל לִכְאוֹרָה אִיז שְׁוֶוער: יִצְחָק אָבִינוּ הָאט דָאךְ גֶעווּאוּסְט אַז עֵשָׂיו אִיז אַ רָשָׁע, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כו לד-לה) אַז עֵשָׂיו

האט זיין מאמע אים נישט געקענט זייגן, און זי האט גענומען א צווייטע פרוי וואס איז נישט געווען אזא צדיקת, אז זי זאל זייגן איר קינד. און אויב זיין מאמע אליין וואלט אים געזייגט, וואלט איך און דער רבי פון לובלין זיך געשעמט פון אים.

**ו.** עס ווערט פארציילט אויפן בעל תורת חסד (פון די תלמידים פון דער צמח צדק און דער מהר"ש מלובאוויטש), וואס האט אין זיינע עלטערע יארן געוואוינט אין ירושלים עיה"ק, אז ער האט געבעטן פון זיין רעבעצין אז זי זאל זיצן ביים סדר מיט כובד ראש, ווייל דער באשעפער און די פמליא של מעלה צוזאמען מיט אליהו הנביא געפינען זיך מיט זיי, און ער האט נישט ערלויבט פאר אנדערע מענטשן צו זיין מיט זיי ביים סדר.

**ז.** דער ראפשיצער רב זי"ע האט געזאגט, אז צוליב דעם קומען ארויס נייע הגדות יעדע יאר, ווייל עס קומען ארויס כסדר נייע סארטן רשעים. דאס מיינט אז יעדע יאר זענען פארהאן נאך סארטן רשעים וואס די תורה רעדט צו זיי און לייזט זיי אויס אין די נאכט...

הָאט גֶענוּמֶען פְּרוּיעֶן פוּן כְּנַעַן, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה (רַשִׁ"י), אוּן יִצְחָק אוּן רִבְקָה הָאבְּן גֶעהַאט שְׁטַארְקֶע עַגְמַת נֶפֶשׁ פוּן דֶעם. אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס הָאט יִצְחָק גֶעוָואלְט בֶּענְטְשְׁן עֵשָׂיו?

**נָאר,** עֶס אִיז בַּאקַאנְט (פִּרְקֵי דְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר פֶּרֶק לא) אַז דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי בְּרָכוֹת אִיז גֶעוֶוען פֶּסַח בַּיינַאכְט, אוּן **דִי נַאכְט אִיז מְסוּגָּל אַרוֹיסְצוּגֵיין פְרַיי פוּן דִי כּוֹחוֹת פוּן דִי יֵצֶר הָרַע, אוּן יִצְחָק אָבִינוּ הָאט גֶעוָואלְט מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף עֵשָׂיו פוּן דִי קְדוּשָׁה פוּן דִי נַאכְט, כְּדֵי עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּעֶן אוּן וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא.** אוּן אוֹיךְ וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גֶעקוּמֶען נֶעמֶען דִי בְּרָכוֹת, הָאט אִים יִצְחָק אָבִינוּ גֶעבֶּענְטְשְׁט אַז זַיינֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן נֶעבֶּעךְ זִינְדִיגְן זָאלְן צוּם סוֹף תְּשׁוּבָה טוּעֶן אוּן זִיךְ מְדַבֵּק זַיין אִין דִי קְדוּשָׁה. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין גְּמָרָא (סַנְהֶדְרִין לז א) אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כז כז) "וַיָּרַח אֶת רֵיחַ בְּגָדָיו – יִצְחָק אָבִינוּ הָאט גֶעשְׁמֶעקְט דִי קְלֵיידֶער פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ". אוּן דִי גְּמָרָא זָאגְט אוֹיף דֶעם: לֵייעֶן נִישְׁט "בְּגָדָיו – זַיינֶע קְלֵיידֶער", נָאר "בּוֹגְדָיו – זַיינֶע רְשָׁעִים", אַז יִצְחָק אָבִינוּ הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶס וֶועלְן אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ רְשָׁעִים וָואס וֶועלְן תְּשׁוּבָה טוּעֶן בִּשְׁלֵימוּת.

**אַזוֹי** וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין מֶדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, תוֹלְדוֹת פ' סה כב) אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן וִוי יוֹסֵף מְשִׁיתָא אוּן יָקוּם אִישׁ צְרוּרוֹת[ח], וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיף זֵייעֶר אַ נִידְרִיגֶע מַדְרֵיגָה, נֶעבֶּעךְ רִיכְטִיגֶע "בּוֹגְדִים", אוּן זֵיי הָאבְּן בֶּאֱמֶת תְּשׁוּבָה גֶעטוּעֶן. אוּן דֶעמָאלְטְס הָאט

**ח.** די מעשה פון יוסף משיתא איז געווען, אז ווען די שונאים האבן געוואלט ארייגגיין אין בית המקדש, האבן זיי געזאגט: זאל קודם אריינגיין איינער פון זיי [א איד]! און זיי האבן געזאגט פאר יוסף משיתא: גיי אריין און וואס דו ברענגסט ארויס פון דארט וועט זיין דיינס. און ער איז אריינגעגאנגען אין בית המקדש, און ער האט ארויסגעברענגט די גאלדענע מנורה. האבן זיי אים געזאגט: עס איז נישט די סדר פון פשוט'ע מענטשן זיך צו באנוצן מיט אזעלכע כלים, גיי אריין נאכאמאל און וואס דו נעמסט וועט זיין דיינע. אבער יעצט האט יוסף משיתא שוין נישט מסכים געווען אריינצוגיין, מען האט אים אפילו געוואלט געבן דריי יאר שטייער אלס באלוין, אז ער זאל אריינגיין אין בית המקדש, און ער האט נישט מסכים געווען, און ער האט געזאגט: איז עס נישט גענוג אז איך האב דערצערנט מיין באשעפער איינמאל, אז איך דארף אים דערצערנען נאכאמאל? און די שונאים האבן אים גענומען און זיי האבן אים געלעכערט מיט א דיקע ברעט, און ער האט געשריגן אין זיינע לעצטע מינוטן: וי אוי אוי, אז איך האב דערצערנט מיין באשעפער!

און די מעשה פון יקום איש צרורות איז געווען, אז ער איז געווען דער פלומעניק [נעפיו] פון דער הייליגער תנא יוסי בן יועזר איש צרידה. און איין שבת בשעת ער האט געריטן אויף א פערד האט ער געזעהן ווי מען פירט א שטאנג צו הענגען זיין פעטער דער תנא יוסי בן יועזר. האט ער געזאגט פאר זיין פעטער: זעה נאר די פערד וואס מיין הער האט מיר געמאכט רייטן אויף דעם [זיך באציענדיג צו זיין גרויסע כבוד און רייכטום] און זעה די פערד וואס דיין הער

יִצְחָק אָבִינוּ גֶעבֶּענְטְשְׁט יַעֲקֹב אָבִינוּ זָאגֶענְדִיג: "רְאֵה רֵיחַ בְּנִי כְּרֵיחַ הַשָּׂדֶה אֲשֶׁר בֵּרְכוֹ ה'" – זֶעה אַז דִי גֶערוּךְ פוּן מַיין זוּהְן אִיז אַזוֹי ווִי דִי גֶערוּךְ פוּן דִי פֶעלְד וָואס השי"ת הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט" (שָׁם).

**אוּן** מִיט דִי יְסוֹד קֶען מֶען מַסְבִּיר זַיין דִי ווֶערְטֶער פוּן דִי הַגָּדָה, אַז דֶער רָשָׁע זָאגְט "**מָה הָעֲבוֹדָה הַזֹּאת לָכֶם**" - אוּן עֶר שְׁלִיסְט זִיךְ אוֹיס מִיט דֶעם פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, ווַייל עֶר רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז צוּלִיב זַיין גְרוֹיסֶע רְשָׁעוּת הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שַׁיָּיכוּת צוּ דִי אַלֶע מִצְווֹת פוּן דִי נַאכְט, ווַייל עֶר אִיז צוּפִיל אַרַיינְגֶעטוּעֶן אִין דִי כּוֹחוֹת פוּן דֶער יֵצֶר הָרַע. אוּן אוֹיף דֶעם זָאגְן מִיר אִים[ט] **דוּ קֶענְסְט יָא ווֶערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן דֶער יֵצֶר הָרַע, אִין דִי נַאכְט פוּן פֶּסַח! פַארְווָאס נוּצְסְטוּ נִישְׁט אוֹיס דִי גֶעלֶעגֶנְהֵייט? יִצְחָק אָבִינוּ הָאט דָאךְ גֶעגְלֵייבְּט אַז אֲפִילוּ עֵשָׂיו הָרָשָׁע קֶען תְּשׁוּבָה טוּעֶן אִין דִי נַאכְט.**

**עֶס** ווֶערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר שַׁעֲרֵי תְּשׁוּבָה (לרבינו יוֹנָה, שַׁעַר א ב – בְּשֵׁם חֲזַ"ל בְּקֹהֶלֶת רַבָּה ז, לב) אַ מָשָׁל אוֹיף אֵיינֶער וָואס טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה אַזוֹי שְׁנֶעל ווִי מֶעגְלִיךְ: אַ גְרוּפֶּע רוֹיבֶּער זֶענֶען גֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דֶער קֶענִיג, אוּן עֶר הָאט זֵיי אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין תְּפִיסָה. אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעגְרָאבְּן אַ לָאךְ אִין תְּפִיסָה, אוּן אַלֶע רוֹיבֶּער זֶענֶען אַנְטְלָאפְן דוּרְךְ דִי לָאךְ, אוֹיסֶער אֵיין רוֹיבֶּער וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן דָארְט. אוּן דֶער שׁוֹמֵר פוּן תְּפִיסָה אִיז גֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז אַלֶע רוֹיבֶּער זֶענֶען אַנְטְלָאפְן אוֹיסֶער אֵיינֶער, הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ שְׁלָאגְן דֶעם רוֹיבֶּער, שְׁרַייעֶנְדִיג: דוּ אוּמְדֶערְטְרֶעגְלִיכֶער! דִי לָאךְ אִיז אָפֶען פַאר דַיינֶע אוֹיגְן, פַארְווָאס בִּיסְטוּ נִישְׁט אַנְטְלָאפְן?! אוּן מִיר זֶענֶען מִיט דֶעם מְקַיֵּים דִי "**הַקְהֵה אֶת שִׁנָּיו**", שְׁרַייעֶנְדִיג אוֹיפְן רָשָׁע: **פַארְווָאס אַנְטְלוֹיפְסְטוּ נִישְׁט פוּן דֶער יֵצֶר הָרַע, הַיינְט בַּיינַאכְט ווֶען דִי ווֶעג אַרוֹיס אִיז אָפֶען?!**

**אוּן** צוּלִיב דֶעם ווֶערְט עֶר אָנְגֶערוּפְן אַ "כּוֹפֵר בְּעִיקָר", ווַייל עֶס אִיז אַן עִיקָר פוּן דִי אֱמוּנָה **אַז נִישְׁט קַיין חִילוּק אוֹיף**

---

[השי"ת] האט דיר געמאכט רייטן אויף דעם [אז מען פירט אים צום הענגען]! האט יוסי בן יועזר אים געענטפערט: אויב דער אייבערשטער האט געגעבן אזויפיל גוטס פאר די וואס דערצערנען אים, אוודאי וועט ער אויך געבן פאר די וואס טוען זיין רצון! האט אים יקום געפרעגט: האט דען איינער געטוען דעם באשעפערס רצון מער ווי דיר [און דאך ווערסטו אזוי באשטראפט]? האט אים יוסי בן יועזר געענטפערט: אויב די וואס טוען דעם באשעפערס רצון ווערן אזוי געפייניגט, זיכער וועט אויך אזוי זיין פאר די וואס דערצערנען אים! און די ווערטער זענען אריין אין די ביינער פון יקום איש צרורות, און ער האט זיך גע'הרג'ט מיט אלע ד' מיתות בית דין. ווען יוסי בן יועזר האט גע'גוסס'ט האט ער געזעהן די מיטה פון זיין פלומעניק יקום שוועבן אין די לופט, און ער האט געזאגט: אין אזא קורצע צייט איז אים געלונגען אנצוקומען נאך פאר מיר אין גן עדן!

**ט.** 'הקהה את שניו' טייטשט 'מאך שטומפיג זיינע ציינער', דאס מיינט ענטפער אים א תירוץ וואס ער קען נישט אפפרעגן.

**וועלכֶע מַדְרֵיגָה אַ אִיד אִיז, קֶען עֶר זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.**

**און** אוּנְז דַארְפְן דָאס וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען, אַז אִין דִי נַאכְט פוּן פֶּסַח קֶען אֲפִילוּ דֶער גְרֶעסְטֶער רָשָׁע זִיךְ כַאפְּן בַּיים קָאפּ, אוּן מַאכְן אַ טוּישׁ אִין זַיין לֶעבְּן, אוּן וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוֹיף אַ צַדִיק גָמוּר. ווייל דִי נַאכְט אִיז פוּן דִי צַייטְן וָואס דֶער אֵייבִּישְׁטֶער פִירְט זִיךְ מִיט דִי בְּחִינָה פוּן "אַתָּה נוֹתֵן יָד לַפּוֹשְׁעִים", אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זֵייעֶר פִיל גֶעזִינְדִיגְט אוּן עֶר הָאט זִיךְ רח"ל אָפְּגֶעהַאקְט פוּן דִי צַד הַקְדוּשָׁה, הָאט אַ גֶעלֶעגְנְהַייט אוֹיסְגֶעלֵייזְט צוּ וֶוערְן אִין דִי נַאכְט'. אוּן דִי וֶועג אִיז דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען הַאלְט זִיךְ בְּאַחְדוּת מִיט כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן מֶען שְׁלִיסְט זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל ח"ו.

## אֲפִילוּ הָמָן הָאט אַ תִּיקוּן פֶּסַח בַּיינַאכְט

**דֶער** חֲתַם סוֹפֵר שְׁרַייבְּט אַ פֶּלֶא'דִיגֶע זַאךְ, וָואס פוּן דֶעם זֶעהְן מִיר דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן דִי סֵדֶר נַאכְט, ווִי עֶס שַׁיינְט אַרַיין אֲפִילוּ אִין דִי נִידְרִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער: אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי הַגָּדָה, אַז "רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוּן רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוּן רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה אוּן רַבִּי עֲקִיבָא אוּן רַבִּי טַרְפוֹן זֶענֶען גֶעזֶעצְן אוּן גֶעפְּרַאוֶועט דֶעם סֵדֶר אִין בְּנֵי בְרַק, אוּן זֵיי הָאבְּן פַארְצֵיילְט דִי נִסִים פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם דִי גַאנְצֶע נַאכְט, בִּיז זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: רַבּוֹתֵינוּ, עֶס אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען דִי צַייט פוּן לֵייעֶנֶען קְרִיאַת שְׁמַע פוּן אִינְדֶערְפְרִי". פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר (מוּבָא בְּסֵדֶר הַגָּדַת חת"ס): לוֹיט דֶער וָואס הַאלְט (פְּסָחִים קכ ב) אַז דִי מִצְוָוה פוּן עֶסְן מַצָּה גֵייט נָאר אָן בִּיז חֲצוֹת, אִיז דִי מִצְוָה פוּן סִיפּוּר יְצִיאַת מִצְרַיִם אוֹיךְ נָאר בִּיז חֲצוֹת, ווייל דִי מִצְוָוה פוּן סִיפּוּר יְצִיאַת מִצְרַיִם אִיז "בְּשָׁעָה שֶׁמַּצָּה וּמָרוֹר מוּנָּחִים לְפָנֶיךָ – וֶוען עֶס לִיגְט פָארְנְט פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ מַצָּה אוּן מָרוֹר" (או"ח תעז), אוּן רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה הַאלְט דָאךְ אַז דִי מִצְוָוה פוּן עֶסְן מַצָּה אִיז נָאר בִּיז חֲצוֹת, אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס אִיז עֶר גֶעזֶעצְן דִי גַאנְצֶע נַאכְט אוּן פַארְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם?

**און** דֶער חֲתַם סוֹפֵר עֶרְקְלֶערְט: עֶס שְׁטֵייט אִין גְמָרָא (מְגִילָּה טו א), אַז אִין דִי צַייט פוּן דִי גְזֵירָה פוּן הָמָן הָרָשָׁע הָאבְּן דִי אִידְן נִישְׁט גֶעפִירְט דֶעם סֵדֶר אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעגֶעסְן מַצָּה אוּן מָרוֹר, ווייל דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג פֶּסַח אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי טֶעג וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעפַאסְט. אוּן **כְּדֵי צוּ פַארֶעכְטְן דָאס וָואס זֵייעֶר זֵיידֶע הָמָן הָאט גֶעטוּעֶן, אַז עֶר הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז דִי אִידְן זָאלְן נִישְׁט פִירְן דֶעם סֵדֶר, הָאבְּן זַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ** [דִי גְמָרָא זָאגְט (סַנְהֶדְרִין צו ב) אַז אֵיינִיקְלֶעךְ פוּן הָמָן הָרָשָׁע הָאבְּן זִיךְ מְגַיֵּיר גֶעוֶוען, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אִין דִי שְׁטָאט בְּנֵי בְּרַק] **גֶעפִירְט דֶעם סֵדֶר אוּן פַארְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם אוֹיךְ נָאךְ חֲצוֹת –**

---

**י.** אבער עשיו האט שוין דערלייגט, און עס העלפט אים שוין נישט די סגולות וואס דער אייבישטער האט געגעבן פאר כלל ישראל. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (מלאכי א ב-ג): "ואוהב את יעקב ואת עשו שנאתי – איך האב ליב יעקב, און עשיו האב איך פיינט".

**די גאַנצע נאַכט, צוזאַמען מיט די הייליגע תּנאים.** און דאָס איז אויך מרומז אין דעם וואס די תּלמידים זענען געקומען זאָגן אַז עס איז שוין געוואָרן די צייט פון לייענען קריאַת שמע של שחרית: אַז יעצט קען מען פאַרעכטן דאָס וואס המן הרשע האט אָנגעגרייט די בוים אויפצוהענגען מרדכי הצדיק "אינדערפרי" (אסתר ו ד).

**מען** דאַרף אַריינטראַכטן אין דעם, און זעהן ווי גרויס עס איז די "עת רצון" פון די הייליגע נאַכט פון פּסח, אַז אפילו די נידריגע מעשׂים פון המן הרשע האט מען געקענט מתקן זיין דורכן פאַרציילן די סיפּור יציאת מצרים אין די נאַכט. און אונז דאַרפן מאַכן פון דעם אַ קל וחומר: אויב די אייניקלעך פון המן הרשע האָבן געקענט מתקן זיין דאָס וואס המן האט געטוען, דורך די כּח פון די נאַכט, זיכער קענען מיר אידישע קינדער מתקן זיין אונזערע מעשׂים און אויסרייסן פון זיך דער "המן"[יא] וואס רעדט צו אידן צו טוען עבירות, דורך די געוואלדיגע כּח פון די נאַכט.

# יציאת מצרים - עבדי השם

☆ בן עולם הבא ☆ כי לי בני ישראל עבדים ☆ שפירן יציאת מצרים אין די ביינער ☆ אמונה דאַרף מען איבערגעבן ווייטער ☆ הבא לטהר מסיעין אותו ☆ למען תספר - די כּח גייט אַריבער צו די קינדער

## בן עולם הבא

**עס** שטייט אין גמרא (ברכות דף ד:) **שכּל הסומך גאולה לתפילה הרי הוא בן עולם הבא** יעדער וואס דערמאנט גאולה יציאת מצרים נאָך קריאַת שמע ביים דאַווענען – די ברכה פון גאל ישראל, און באַלד דערנאָך זאָגט ער תּפילה וואס דאָס איז שמונה עשׂרה, איז אַ בן עולם הבא.

---

**יא.** זעה ספר הקדוש אור המאיר (שמות, מגילת אסתר, ד"ה ויהי ביום השלישי), **אז יעדער איד האט אן אייגענע המן און אן אייגענע אחשורוש, דאס איז דער יצר הרע!** און דאס איז פשט פון די גמרא (חולין קלט ב): "וואו שטייט אין די תורה המן? 'המן העץ' – דער אייבערשטער פרעגט פון אדם הראשון און חוה, אויב זיי האבן געגעסן פון די עץ הדעת, און די ווארט המן קען ווערן געליינט המן". לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס איז די שייכות פון המן מיט די עץ הדעת? נאר, אדם און חוה זענען נכשל געווארן מיט די עץ הדעת דורך דעם וואס די שלאנג האט זיי צוגערעדט צו עסן דערפון, און דאס איז דער יצר הרע, און אזוי אויך איז המן הרשע דער יצר הרע.

**דער** רַבֵּנוּ יוֹנָה פְרֶעגְט אוֹיף דֶער גְּמָרָא, לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דֶער גְרוֹיסֶע עִנְיָן פוּן סוֹמֵךְ זַיין גְּאוּלָה לִתְפִלָּה, אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַ בֶּן עוֹלָם הַבָּא, אוּן נָאכְמֶער דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וֶוער דַאוֶוענְט דֶען נִישְׁט שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה גְלֵייךְ נָאךְ בִּרְכַּת קְרִיאַת שְׁמַע, דָאס אִיז דָאךְ דֶער אוֹפֶן וִוי אַזוֹי דֶער אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה הָאבְּן מְתַקֵּן גְעוֶוען צוּ דַאוֶוענֶען, אוֹיבּ אַזוֹי קוּמְט אוֹיס אַז יֶעדֶער וָואס דַאוֶוענְט וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ בֶּן עוֹלָם הַבָּא?[יב]

## כִּי לִי בְנֵי יִשְׂרָאֵל עֲבָדִים

**דֶער** רַבֵּנוּ יוֹנָה עֶנְטְפֶערְט, אַז דֶער גַאנְצֶע תַּכְלִית פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם אִיז צוּ זַיין עֲבָדִים פוּן השי"ת אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק **כִּי לִי בְנֵי יִשְׂרָאֵל עֲבָדִים עֲבָדַי הֵם אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם** (ויקרא כה נה) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם כְּדֵי אַז אוּנְז זָאלְן זַיין עַבְדֵי הַשֵּׁם, אוּן וֶועגְן דֶעם וֶוערְט אַ עֶבֶד עִבְרִי בַּאשְׁטְרָאפְט וֶוען עֶר וִויל נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין פְּרַיי אֵיינְמָאל זַיין צֵייט אִיז גֶעקוּמֶען, וְוִיבַּאלְד עֶר דֶערְהֶערְט נִישְׁט דֶער כַּוָּונָה אוּן דֶער תַּכְלִית פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם, אַז אוּנְז זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם נָאר כְּדֵי צוּ זַיין קֶענֶעכְט פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, וִוי דִי גְּמָרָא (בבא מציעא דף י.) דַּרְשְׁ'נְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק **עֲבָדַי הֵם וְלֹא עֲבָדִים לַעֲבָדִים**, אוּנְז זֶענֶען עַבְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אוּן נִישְׁט עֲבָדִים צוּ עֲבָדִים, אוּן וִוי בַּאקַאנְט אַז עֲבוֹדָה מֵיינְט תְּפִלָּה אַזוֹי וִוי סְ'שְׁטֵייט אִין גְּמָרָא (תענית דף ב.) **אֵיזֶה הוּא עֲבוֹדָה שֶׁבַּלֵּב – זוֹ תְּפִלָּה**, קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוֶוענֶען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בַּאלְד נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט השי"ת פַאר דִי נִסִּים וָואס הקב"ה הָאט גֶעטוּהְן בֵּיי יְצִיאַת מִצְרַיִם, וֵוייזְט עֶר מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז טַאקֶע אַן עֶבֶד הַשֵּׁם, עֶר אִיז מַכִּיר אַז עֶר אִיז אַן עֶבֶד פַאר הקב"ה אוּן אַזוֹי שְׁטֶעלְט עֶר זִיךְ בֶּעטְן אַ תְּפִלָּה פוּן השי"ת, אוּן וֶועגְן דֶעם אִיז עֶר אַ בֶּן עוֹלָם הַבָּא וֵוייל עֶר אַנֶערְקֶענְט זַיין תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט.

**נָאךְ** אַ פְּשַׁט זָאגְט דֶער רַבֵּנוּ יוֹנָה, דַאוֶוענֶען וֵוייזְט אוֹיף בִּטָּחוֹן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאוֶוענְט הָאט עֶר בִּטָּחוֹן אִין השי"ת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס זַיין תְּפִלּוֹת, פּוּנְקְט וִוי אִין מִצְרַיִם וֶוען דֶער אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְשְׁפַּארְט אִין דִי מ"ט שַׁעֲרֵי טֻמְאָה, הָאט הקב"ה זֵיי אַרוֹיס גֶענוּמֶען אוּן בַּאפְרֵייט פוּן דָארְט, אַזוֹי אוֹיךְ בֶּעטְן מִיר אוּן מִיר גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט אוֹיסְהֶערְן אוּנְזֶער תְּפִילּוֹת אוּן אוּנְז אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן אוּנְזֶער גָּלוּת מִצְרַיִם, קוּמְט אוֹיס אַזַא אֵיינֶער וָואס טְרַאכְט אַרֵיין אִין דֶער נִסִּים פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם אוּן אַזוֹי לֶעבְּט עֶר מִיט בִּטָּחוֹן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט דֶער גַאנְצֶע וֶועלְט

**יב.** דער חילוק פון א "בן" עולם הבא מיט "חלק" לעולם הבא איז, א חלק מיינט מ'באקומט א געוויסע חלק אין עולם הבא, אבער א בן עולם הבא מיינט אסאך מער ווי דעם, אפילו דא אויף דער וועלט איז שוין א בן עולם הבא, ער איז אן עולם הבא'דיגע איד אויף די וועלט, און ווען ער קומט אויף יענע וועלט איז ער שוין אן אנדערע מדריגה, ער איז א בן – א זון.

אוּן עֶר הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן אוֹיף יֶעדֶער אֵיינְצִיגֶער זַאךְ, אוּן אוּנְז זֶענֶען דָא אִים צוּ בַּאדִינֶען וִוי גֶעטְרֵייעַ קְנֶעכְט אַלֶעמָאל, אַזַא אֵיינֶער אִיז אַ בֶּן עוֹלָם הַבָּא.

### שְׁפִּירְן יְצִיאַת מִצְרַיִם אִין דִי בֵּיינֶער

**דֶער** בַּעַל הַגָּדָה הֵייבְּט אָן **מַתְחִיל בִּגְנוּת** מִיט דִי נִישְׁט שֵׁיינֶע זַאכְן אַז דִי אִידְן הָאבְּן אַמָאל גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, **וּמְסַיֵּם בְּשֶׁבַח** אוּן עֶר עֶנְדִיגְט מִיט דִי גוּטֶע זַאךְ וְעַכְשָׁו קֵרְבָנוּ הַמָּקוֹם לַעֲבֹדָתוֹ – אַז דֶער אֵייבֶּערשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה, אוּן אוּנְז עֶרְמֶעגְלִיכְט אִים צוּ דִינֶען.

**מֶען** קֶען דָאס מַסְבִּיר זַיין מִיט אַ מָשָׁל: עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, וָואס פְּלֶעגְט זִיךְ אַיינְשְׁפַּארְן אִין אַ צִימֶער יֶעדְן טָאג פַאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט. אוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט וָואס עֶר טוּט דָארְט. אֵיינְמָאל הָאט אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין דִי צִימֶער נָאךְ פַאר דֶער עוֹשֶׁר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וִוי דֶער רַייכֶער מֶענְטְשׁ טוּט זִיךְ אָהן צוּרִיסֶענֶע אוּן פַארְפוֹילְטֶע קְלֵיידֶער אוּן עֶר זָאגְט "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דָאס זֶענֶען דִי קְלֵיידֶער וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאגְן בֶּעפָאר דוּ הָאסְט מִיר גֶעמַאכְט רַייךְ, מִיט דֶעם בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּעֶן, אוּן דוּ הָאסְט מִיר גֶעהָאלְפְן".

**דִי** נִמְשָׁל אִיז, אוּנְז דַארְפְן שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען דִי שְׁוֶוערֶע צַייטְן וָואס אוּנְז זֶענֶען אַרִיבֶּער, שְׁפִּירְן וִוי בִּיטֶער אִיז גֶעוֶוען וֶוען אוּנְז זֶענֶען גֶעוֶוען "עַבְדֵי פַּרְעֹה" אָן קַיין שׁוּם חִיוּת אוּן נָאנְטְקַייט צוּ בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי קֶען מֶען שְׁפִּירְן אַן אֶמֶתְ'ע הַכָּרַת הַטּוֹב אוֹיף דִי גְאוּלָה אוּן דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערשְׁטֶער הָאט מִיט אוּנְז גֶעטוּן, פוּן "וְעַכְשָׁו קֵרְבָנוּ הַמָּקוֹם לַעֲבוֹדָתוֹ".

### אֱמוּנָה דַארְךְ מֶען אִיבֶּערְגֶעבְּן וַוייטֶער

**אוּן** דָאס אִיז טַאקֶע אוּנְזֶער חִיוּב פוּן וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ צוּ פַארְצֵיילְן דִי קִינְדֶער דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים אַז הַשֵּׁי"ת הָאט אוּנְז אוֹיסגֶעלֵייזְט אוּן אוּנְז גֶעקְרוֹינְט אַלְס עַבְדֵי ה'. אוּן דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶע תַּכְלִית פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם, אִיז אַז אַ טַאטֶע זָאל אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי אֱמוּנָה פַאר זַיין קִינְד, אַזוֹי וִוי דִי מְפָרְשִׁים פְּרֶעגְן, פַארְוָואס שְׁטֵייט "**לְמַעַן תְּסַפֵּר**" אַ לָשׁוֹן יָחִיד, אוּן עֶר עֶנְדִיגְט "וִידַעְתֶּם" וָואס אִיז אַ לָשׁוֹן רַבִּים.

**אִיז** דָא אַ בַּאקַאנְטֶע טַייטְשׁ פוּן הרה"ק ר' יהושע מבעלזא זי"ע: וַוייל אִין יֶענֶעם דוֹר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען נָאר צְוֵויי קִינְדֶער פַאר וֶועמֶען צוּ דֶערְצֵיילְן דִי סִפּוּר פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם, וַוייל אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן דָאךְ גֶעזֶעהְן מִיט זֵייעֶר אֵייגֶענֶע אוֹיגְן דִי נִסִּים, פַאר זֵיי הָאט מֶען נִישְׁט גֶעדַארְפְט פַארְצֵיילְן, נָאר דִי צְוֵויי קִינְדֶער פוּן מֹשֶׁה וָואס זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם, פַאר זֵיי הָאט מֶען גֶעדַארְפְט פַארְצֵיילְן. אוּן אוֹיף דֶעם הָאט הַשֵּׁי"ת גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ בִּלְשׁוֹן יָחִיד אַז עֶר זָאל פַארְצֵיילְן פַאר זַיינֶע צְוֵויי קִינְדֶער דִי נִסִּים פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם.

**מִיט** דֶעם פַארְשְׁטֵייט מֶען, וָואס לִכְאוֹרָה אִיז שְׁוֶוער, דָאס וָואס אַהֲרֹן הָאט גֶעזָאגְט צוּ מֹשֶׁה וֶוען מֹשֶׁה אִיז אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען קַיין מִצְרַיִם, עֶר זָאל נִישְׁט מִיטְנֶעמֶען זַיינֶע צְוֵויי קִינְדֶער אִין מִצְרַיִם, לִכְאוֹרָה פַארְוָואס הָאט עֶס גֶעבַּאדֶערְט

פאַר אַהֲרֹן, עס זענען דאָך געווען מיליאָנען אידן אין מִצְרַיִם, און דער באַשעפער האָט צוגעזאָגט אַז ער וועט זיי אויסלייזן?

**נאָר,** גאַנץ יְצִיאַת מִצְרַיִם און אַלע נִסִּים וואָס זענען געשען דעמאָלטס, איז אַלעס געווען **לְמַעַן תְּסַפֵּר** אַז טאַטעס זאָלן דערציילן פאַר זייערע קינדער די נִסִּים, און דורכדעם וועלן די קינדער וויסן אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט. און אַ **טאַטע האָט אַ ספּעציעלע כֹּחַ אַריינצוגעבן אֱמוּנָה אין זיינע קינדער, דורכ'ן פאַרציילן די נִסִּים פון יְצִיאַת מִצְרַיִם.** דאָס איז די רְצוֹן ה', אַז עס זאָל זיין אַ קייט פון אֱמוּנָה, פון יְצִיאַת מִצְרַיִם עַד סוֹף כָּל הַדּוֹרוֹת זאָל אַ טאַטע איבערגעבן די אֱמוּנָה פאַר זיין קינד. צוליב דעם האָט אויסגעפּעלט, אַז געוויסע קינדער פון כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אֲפִילוּ אין יענעם דוֹר, זאָלן נישט זיין ביי יְצִיאַת מִצְרַיִם, כְּדֵי זיי זאָלן קענען מְקַבֵּל זיין די אֱמוּנָה פון זייערע עלטערן! אַז עס זאָל זיך שוין דעמאָלטס אָנהייבן די שַׁלְשֶׁלֶת, פון איבערגעבן אֱמוּנָה פאַר די קינדער!

**לויט** דעם איז זייער גוט, דאָס וואָס שטייט **לְמַעַן תְּסַפֵּר**, בִּלְשׁוֹן יָחִיד, גייט אַרויף אויף משֶׁה רַבֵּינוּ וואָס נאָר ער האָט געהאַט די מִצְוָה פון דערציילן, און דורך זיין סִפּוּר, איז געוואָרן אַ **וִידַעְתֶּם**, בִּלְשׁוֹן רַבִּים, אַז אַלע אידן האָבן אָנערקענט אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט. ווייל משֶׁה רַבֵּינוּ האָט געעפנט דעם צִנּוֹר, דעם רער פון אֱמוּנָה פאַר אַלע אידן, דורכ'ן איבערגעבן די אֱמוּנָה פאַר זיינע קינדער אויף אַן אוֹפן פון אַ צִנּוֹר, פון איבערגעבן די אֱמוּנָה פון אַ טאַטע צו אַ קינד.

## הַבָּא לִטָּהֵר מְסַיְּעִין אוֹתוֹ

**נאָך** אַ וואָרט אויף דעם פָּסוּק זאָגט מען פון דער שר שלום פון בעלזא זי"ע: **לְמַעַן תְּסַפֵּר וְכוּ' וִידַעְתֶּם** - אַז דורכדעם וואָס מען געבט איבער די אֱמוּנָה פאַר די קינדער, דורכ'ן פאַרציילן די סִפּוּר יְצִיאַת מִצְרַיִם, קומט מען אַליין צו צו די אֱמוּנָה. די וואָרט **וִידַעְתֶּם** גייט אַרויף אויף **לְמַעַן תְּסַפֵּר**, דְּהַיְינוּ אַז **לויט ווי מען גיבט איבער אֱמוּנָה פאַר די קינדער, אויף די זעלבע מַדְרֵיגָה איז מען אַליין זוֹכֶה דערצו.**

## לְמַעַן תְּסַפֵּר - די כֹּחַ גייט אַריבער צו די קינדער

**די** ווערטער, דאַרף אונז געבן אַ מוֹרָא'דיגע ערנסטקייט אין וויסן די גרויסע אַחֲרָיוּת וואָס יעדער טאַטע האָט, יעדער טאַטע איז דער "מַמְשִׁיךְ הַשַּׁלְשֶׁלֶת", ער דאַרף איבערגעבן די הייליגע אֱמוּנָה ווייטער, פאַרשטייט זיך אַז דאָס דאַרף זיין מיט אַ גרויסער ברען, אַזוי ווי דער הייליגער חֲתַם סוֹפֵר זי"ע ברענגט פון זיין רבי'ן דער הַפְלָאָה זי"ע, אויפ'ן לשוֹן הַפָּסוּק "בְּאָזְנֵי בִנְךָ וּבֶן בִּנְךָ", וואָס הייסט "וּבֶן בִּנְךָ" יעדע טאַטע זאָל דערציילן פאַר זיין זון, פאַרוואָס זאָגט די תּוֹרָה אַז דער זיידע זאָל דערציילן פאַרן אייניקל אַז אויב יעדער דוֹר וואָלט עס איבערגעגעבן אויף אַ שוואַכערע אוֹפן ווי די פריערדיגע, וואָלט נאָך עטליכע דורות שוין גאָרנישט געבליבן פון די אֱמוּנָה און די מְסוֹרָה, נאָר "**לְמַעַן תְּסַפֵּר בְּאָזְנֵי בִנְךָ וּבֶן בִּנְךָ**" - געב עס איבער פאַר דיין קינד אויף אַזאַ אוֹפן, אַז דיין קינד זאָל עס איבערגעבן פאַר דיין קינד אויפ'ן זעלבן

אוֹפָן! עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין כְּלִי שֵׁנִי שֶׁאֵינוֹ מְבַשֵּׁל, נָאר אַ כְּלִי רִאשׁוֹן מַמָּשׁ! **אַז מֶען גֶעבְּט אַרַיין דִי אֱמוּנָה אִין דִי קִינְדֶער מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ אוּן דִי גַאנְצֶע כֹּחַ, בְּלַייבְּט דָאס אוֹיף דוֹרֵי דוֹרוֹת**[יג]!

# שביעי של פסח

## שִׁירַת הַיָּם

☆ הַלָּלוּ עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה ☆ עֶס הָאט גֶעפֶעלט דַעַת ☆ מַה תִּצְעַק אֵלַי ☆ תְּפִלָּה מִיט אֱמוּנָה ☆ דֶערהֶערט דִי נִסִים ☆ וַיִּרְאוּ הָעָם ☆ אָז יָשִׁיר

### הַלָּלוּ עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה

**וָוען** דֶער אִידְן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בֵּיים יַם סוּף אִין יֶענֶער אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע מִינוּטִין וָוען דִי מִצְרִים זֶענֶען גֶעוָוען פוּן אוּנְטֶער זֵיי, זֵיי זֶענֶען גֶעוָוען אִין גֶעפַאר זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעזֶעהן קַיין וֶועג אַרוֹיס אוֹיסֶער אוֹיבּ דֶער יַם סוּף שְׁפַּאלְט זִיךְ אִין צְוֵייעֶן.

**חֲזַ"ל** לֶערְנֶען אוּנְז (פסחים קיח.) קָשִׁין מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל הָאָדָם כִּקְרִיעַת יַם סוּף פַּרְנָסָה אִיז שְׁוֶוער אַזוֹי וִוי קְרִיעַת יַם סוּף. דִי מְפָרְשִׁים מוּטְשֶׁעֶנֶען זִיךְ צוּ פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר הקב"ה צוּ שְׁפַּאלְטְן דִי יָם.

**דֶער** זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פרשת תרומה קע.) בְּרֶענְגְט דֶער חֲזַ"ל אוּן עֶר פְרֶעגְט אָט דֶער פְרַאגֶע, פַארְוָואס אִיז קְרִיעַת יַם סוּף גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁוֶוער פַאר השי"ת, דֶער בַּאשֶׁעפֶער פִירְט דָאךְ דִי בְּרִיאָה אַ גַאנְצֶע צֵייט לוֹיט

**יג.** עס שטייט פון גרויסן מגיד פון מעזריטש זי"ע, אז פרעה האט געזאגט צו משה רבינו: "לכו נא הגברים ועבדו את ה', כי אותה אתם מבקשים". איר קענט גיין דינען דעם באשעפער, אבער דאס וואס איר רעדט די גאנצע צייט, אז איר דארפט גיין צוזאמען מיט די קינדער, דאס איז "אתם מבקשים", האט דאס דער אייבערשטער נישט געבעטן, נאר עס איז אייך אליין בייגעפאלן. ווייל פרעה הרשע האט נישט געקענט פארשטיין אז עבודת ה' קען נוגע זיין אויך פאר קינדער. אבער נאך די מכה, האט פרעה מודה געווען: "חטאתי לה' אלקיכם

זַיין ווילן און נָאר השי"ת קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן די טֶבַע און שְׁפָּאלְטְן די יָם אִין אֵיין רֶגַע, אִיז פַּארְוָואס הָאט עֶס גֶעדוֹעֶרְט אַזוֹי לַאנְג. דֶער הוֹיפְּט שַׂר פוּן מִצְרַיִם 'רַהַב' אִיז גֶעקוּמֶען צוּ השי"ת מִיט אַ טַעֲנָה און גֶעלֵייגְט אַ קטְרוּג אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט השי"ת, פַּארְוָואס ווילְסְטוּ שְׁפָּאלְטְן די יַם סוּף, בַּיי די אִידְן זֶענֶען דָאךְ אוֹיךְ דָא רְשָׁעִים, סַיי די אִידְן דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה, און אוֹיךְ די מִצְרִים דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה, עֶס זֶענֶען פַּארְהַאנֶען אִידְן וָואס טוּהן עֲבֵירוֹת פּוּנְקְט אַזוֹי וְוי די מִצְרִים, אוֹיבּ אַזוֹי פַּארְוָואס קוּמְט זִיךְ פַאר די אִידְן אַ נֵס און פַאר די מִצְרִים אַ מַפָּלָה, בִּיז השי"ת הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט בִּזְכוּת אַבְרָהָם וָואס הָאט זִיךְ מְזָרֵז גֶעוֶוען צוּ טוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יט ט) וַיָּשָׁב הָעָם **לְאֵיתָנוֹ** אִין אַבְרָהָם וֶוערט אָנגֶערוּפְן אֵיתָן ווי סְ'שְׁטֵייט (תהלים פט א) מַשְׂכִּיל **הָאֵיתָן**.[יד]

## עֶס הָאט גֶעפֶעלְט דַעַת

**לִכְאוֹרָה** דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין ווי אַזוֹי אִיז מֶעגְלִיךְ גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען דִינֶען אַ גֶעטְשְׁקֶע נָאכְן זֶעהן אַזוֹיפִיל אָפֶענֶע נִסִּים גְּלוּיִם, וֶוען יֶעדֶער הָאט גֶעקֶענְט טֵייטְלֶען

---

ולכם" - אז איך האב געזאגט אז איר האט אליינס מחדש געווען, צו מיטנעמען די קינדער. **ביי אונז אידן איז דער יסוד, ואת בניהם ילמדון, אויסצולערנען אויך פאר די קינדער.**

**יד.** דער רמב"ן זאגט אויפן פסוק (יד יא) ויצעקו בני ישראל אל ה' ויאמר המבלי אין קברים במצרים, פארוואס האסטו אונז געברענגט דא אין מצרים? צו דען איז נישט דא קיין קברים אין מצרים.

ברענגט דער רמב"ן א מדרש אז עס זענען געווען באזונדערע כתות אידן וואס האבן דאס געטענהט, נישט די חשובע אידן עס שטייט דאך אין פסוק ויצעקו **בני ישראל**, וואס דאס ווייזט אויף די חשובע בני ישראל, אבער שפעטער ביי שירה שטייט שוין ויראו **העם** את השם ויאמינו בה' דעמאלטס זענען שוין אלע – העם צוגעקומען צו דער ריכטיגער אמונה.

ווען משה האט געענטפערט צו די אידן אל תיראו התיצבו וראו את ישועת ה', זאגט דער רבינו בחיי, אז עס זענען געווען פארשידענע גרופע, צו וואס משה רבינו האט געענטפערט, עס זענען געווען די וואס האבן נישט געגלייבט אז עס גייט קומען ישועה, פאר זיי האט משה רבינו געזאגט וראו את ישועת ה' זעהטס עס גייט קומען ישועה, דערנאך איז געווען א גרופע אידן וואס האבן געזאגט אז זיי ווילן צוריק גיין קיין מצרים, און פאר זיי האט משה רבינו געזאגט לא תוסיפו לראות מצרים עד עולם, ווי ס'שטייט אין מכילתא אז דא איז געווען א ציווי אז מען טאר נישט צוריק גיין קיין מצרים, דערנאך איז געווען נאך א גרופע וואס האבן געוואלט מלחמה האלטן מיט די מצרים, און פאר זיי האט משה רבינו געזאגט ה' ילחם לכם, השי"ת וועט מלחמה האלטן פאר ענק, און נאך א גרופע איז געווען וואס האבן געדאווענט און געשריגן צו השי"ת און פאר זיי האט משה געזאגט ואתם תחרישון, השי"ת וועט ענק העלפן.

זעהט מען פון דעם אז עס זענען געווען פארשידענע סארט גרופעס, נישט אלע האבן געהאט

אוּן אָנְדֵייטְן אִין דִי לוּפְט אַז עֶס אִיז דָא בַּאשֶׁעפֶער? ווִי קֶען זַיין אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין רִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה, פַּארְוָואס טַאקֶע זֶענֶען גֶעוֶוען אִידְן וָואס הָאבְּן נָאךְ גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה אוּן עוֹבֵר גֶעוֶוען דִי אַלֶע אִסוּרִים, זֵיי הָאבְּן דָאךְ מִיט גֶעלֶעבְּט ווִי אַזוֹי השי"ת הִיט זֵיי אוּן בַּאשִׁיצְט זֵיי פוּן דִי מִצְרִים.

**נָאר** דֶער פְּשָׁט אִיז אַז דֶער אִידְן הָאבְּן טַאקֶע גֶעזֶעהן דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע נִסִים וָואס הקב"ה הָאט גֶעטוּן פַאר דִי מִצְרִים, אָבֶּער פַאר זֵיי הָאט עֶס נָאךְ נִישְׁט אִינְגַאנְצֶען אוֹיפְּגֶעטוּן, זֵיי זֶענֶען נָאךְ פָּארְט גֶעוֶוען אִין גָלוּת מִצְרַיִם, נָאךְ אַלְס שָׁקוּעַ בְּמ"ט שַׁעֲרֵי טֻמְאָה, זֵיי הָאבְּן גֶעלֶעבְּט אוּנְטֶערְדְרוּקְט אִין מִצְרַיִם אוּנְטֶער שְׁוֶוערֶע לֵיידְן אוּן פֵּיין, דִי קֹשִׁי הַשִׁעְבּוּד הָאט גֶעמַאכְט אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט קֶענֶען שְׁפִּירְן אוּן טַאפְּן בְּחוּשׁ אַז עֶס אִיז פַּארְהַאנֶען אַ בַּאשֶׁעפֶער, אַ וַדַאי הָאט מֶען גֶעזֶעהן גְרוֹיסֶע נִסִים, פָּארְט זֶענֶען גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע חֵלֶק כְּלַל יִשְׂרָאֵל וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט דֶער רִיכְטִיגֶער דַעַת דֶער כֹּחַ צוּ טְרַאכְטְן גְלֵייךְ אוּן אַרֵיין נֶעמֶען אוּן זִיךְ אַז עֶס נִישְׁט פַּארְהַאנֶען קֵיין שׁוּם אַנְדֶערֶע כֹּחַ, מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט רִיכְטִיג דֶערְהֶערְן אַז אֵין עוֹד מִלְבַדוֹ, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַז וֶוען מֶען הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן נָאכְאַמָאל אִין אַזַא סָארְט קְלֶעם, וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם יַם סוּף הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעזֶעהן קֵיין וֶועג אַרוֹיס.

## מַה תִּצְעַק אֵלָי

**מַה** תִּצְעַק אֵלָי דַבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָעוּ (יד טו) דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים פְרֶעגְן פַּארְוָואס הָאט דֶער רבש"ע גֶעזָאגְט מַה תִּצְעַק אֵלָי, פַּארְוָואס טָאר מֶען נִישְׁט דַאוֶונֶען, אִיז דֶען דָאס נִישְׁט דֶער רִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ טוּן וֶוען מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אַן עֵת צָרָה.

**מֶען** קֶען עֶנְטְפֶערְן אַז וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בֵּיים יַם סוּף, אוּן דִי מִצְרִים זֶענֶען גֶעוֶוען אוּנְטֶער זֵיי, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זֵייטְן זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט מִדְבָּרוֹת, הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן פוּן פַארְלוֹירְנְקֵייט אוּן כְּאִלוּ זֵיי זֶענֶען הִילְף-לָאז, אַזוֹי ווִי ס'שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יד י) וַיִשְׂאוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת עֵינֵיהֶם וְהִנֵּה מִצְרַיִם אַחֲרֵיהֶם **וַיִּירְאוּ מְאֹד** וַיִצְעֲקוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל וְגוֹ', זֵיי הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט, אוּן וֶועגְן דֶעם הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה "מַה תִּצְעַק אֵלָי" פַּארְוָואס שְׁרֵייעֶן עֶנְק פוּן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט אוּן פַּחַד, כְּאִלוּ אִיךְ הָאבּ עֶנְק פַּארְלָאזְט, אוּן אִיךְ גֵיי עֶנְק לָאזְן דָא אוֹיסְשְׁטַארְבְּן, אִיךְ בִּין דָאךְ דֶער גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט עֶנְק אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם מִיט אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים, עֶנְק דַארְפְן נִישְׁט שְׁרֵייעֶן פוּן שְׁרֶעק, דֶער צוּגַאנְג פוּן תְּפִלָּה דַארְף זַיין בְּתַחֲנוּנִים וּבְבַקָשָׁה מִיט אֱמוּנָה, נִישְׁט מִיט אַ פַארְלוֹירְנְקֵייט מִיט אַ שְׁרֶעק, וֶועגְן דֶעם הָאט זֵיי השי"ת גֶעזָאגְט זֵייטְס זִיךְ מְחַזֵק מִיט אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן, אַזוֹי וֶועט דֶער יְשׁוּעָה קוּמֶען, דַבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָעוּ.

---

די זעלבע מדריגה אין אמונה, אבער ביי נאך קריעת ים סוף זענען לע צוגעקומען צו דער גרעסטער מדריגה אין אמונה.

### תְּפִלָּה מִיט אֱמוּנָה

**דֶער** אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ (יד טו) עֶנְטְפֶערְט אַז דִי רבוש״ע הָאט גֶעזָאגְט צוּ מֹשֶׁה, זָאג פַאר דִי אִידְן עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט צוּ שְׁרַייעֶן אוּן וֵויינֶען, **מַה תִּצְעַק אֵלָי**, דֶער מִדַּת הַדִּין הָאט יֶעצְט טְעָנוֹת אוּן מֶען קֶען נִישְׁט יֶעצְט פּוֹעֶלְן מִיט תְּפִלָּה, מֶען דַארְף צוּקוּמֶען צוּ עֶקְסְטֶערֶע זְכוּתִים, עֶנְק דַארְפְן אַרַיין גֵיין אִין יָם מִיט אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן, עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן דַאוְוענֶען אָן דֶעם וָואס עֶנְק גְלַייבְּן בֶּאֱמוּנָה וּבִטָּחוֹן. אַ וַדַּאי קֶען השי״ת מַאכְן נִסִּים, אָבֶער עֶנְק דַארְפְן גְלַייבְּן פֶעלְזְן פֶעסְט אַז עֶר דֶער זֶעלְבֶּע ג-ט וָואס פִירְט דֶער גַאנְצֶע וֶועלְט, קֶען אוֹיף אִיבֶּער דְרַייעֶן דִי טֶבַע הָעוֹלָם לוֹיט זַיין ווִילְן, אָבֶער יֶעצְט אִין עֶנְקֶער מַצָּב וָואס דֶער מִדַּת הַדִּין גֶעוֶועלְטִיגְט קֶען מֶען נִישְׁט לַייכְט פּוֹעֶלְן אַ יְשׁוּעָה, מֶען דַארְף צוּ קוּמֶען צוּ אַ זְכוּת פוּן אֱמוּנָה.

**אֲפִילוּ** וֶוען השי״ת הָאט זֵיי גֶעזָאגְט "**וְיִסָּעוּ**" גֵייטְס אַרַיין אִינֶעם וַואסֶער, הָאבְּן זֵיי נָאכְאַלְס מוֹרָא גֶעהַאט, בִּיז נַחְשׁוֹן אִיז אַרַיין גֶעשְׁפְּרִינְגֶען, אֲפִילוּ וֶוען מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה אוּן גְלַייבְּט מִיט אַ פֶּעסְטקֵייט, פָּארְט זֶענֶען דָא מַדְרֵיגוֹת אִין אֱמוּנָה, מְ'דַארְף כְּסֵדֶר אַרְבֶּעטְן אוֹיף אֱמוּנָה, עֶס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס אֵיינְמָאל מְ'הָאט עֶס, אִיז מֶען שׁוֹין פַארזִיכֶערְט, מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף דֶעם.[טו]

**אוּן** דֶער גֶעדַאנְק הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעהַאט בִּיז אַהֶער, אֲפִילוּ זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהן אַלֶע מֶעכְטִיגֶע ווָאוּנְדֶערְלִיכֶער זַאכְן וָואס השי״ת הָאט גֶעטוּהְן, אָבֶער דֶער קֹשִׁי הַשִּׁעְבּוּד הָאט פַארְטוּנְקְלְט דִי אוֹיגְן צוּ קֶענֶען זֶעהן מִיט אַ טִיפֶערֶע בְּלִיק, דִי הֶערְצֶער זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען פַארְמַאכְט, צוּ דֶערְהֶערְן אַז דֶער וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי

---

**טו.** די ספרים הקדושים פרעגן אויף דעם וואס עס שטייט אין מכילתא (מובא ברש״י טו ב) ראתה שפחה על הים מה שלא ראו וכו' ביי קריעת ים סוף האבן אפילו די פשוטע מענטשען געזעהן דאס וואס גרויסע נביאים האבן נישט געקענט זעהן.

פארוואס שטייט אין פסוק ויאמינו בה' – זיי האבן געגלייבט, זיי האבן דאך געזעהן זה קלי ואנוהו, גלייבן מיינט ווען מען זעהט נישט און מ'פארשטייט נישט דעמאלטס פאסט דער לשון פון אמונה, אבער ווען מען זעהט קלאר מיט די אויגן דארף מען נישט גלייבן מען זעהט עס דאך.

נאר דער פשט איז וויבאלד דער גרעסטער מדריגה אין ידיעת השם איז אמונה צו גלייבן, אפילו מען זעהט דארף מען אבער גלייבן אז מען ווייסט גארנישט וואס טוט זיך אפ אין די בריאה, אונז האבן נישט קיין מינדעסטע השגה אין בורא עולם.

דא אויך די אידן ריכטיג אז זיי האבן געזעהן גרויסע גילויים, אבער יעצט האבן זיי שוין געגלייבט אסאך מער ווי דאס וואס זיי האבן געזעהן.

עס איז באקאנט וואס דער בעל שם טוב זי״ע האט געזאגט פאר זיינע תלמידים "נאך אלע הויכע השגות און דערגרייכונגן אין די שרשים התורה והמצוות, לאז איך אלעס אפ, און איך האלט מיך אויף אמונה, איך בין א נאר און איך גלייב".

נִסִּים וְנִפְלָאוֹת בִּיז אַהֶער עֶר וֶועט זַיי ווייטער הֶעלְפְן און פִירְן שְׁטֶענְדִיג.

**ווֶעגְן** דֶעם הָאט אויסְגֶעפֶּעלְט צוּ מַאכְן אַ נֵס פוּן קְרִיעַת יַם סוּף נִישְׁט נָאר צוּ זֶעהן דִי נִסִּים נָאר צוּ דֶערְהֶערְן דִי נִסִּים און זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן זֵייעֶרע טִיפֶע שְׁלָאף און כאפְּן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער פִירְט זַיי, און מִיט דֶעם זֶענֶען זַיי טַאקֶע צוּגֶעקוּמֶען שְׁפֶּעטֶער צוּ דֶער הוֹיכֶע מַדְרֵגָה מִיט דֶער גַאנְצֶע אֱמוּנָה, דָאס וָואס זַיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט אִינְגַאנְצֶען זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַנֶערְקֶענֶען בַּיי דִי נִסִּים פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם בִּיז אַהֶער, הָאבְּן זַיי יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְשְׁטֵיין און דֶערְהֶערְן דִי אָפְּטֵייטְשׁ פוּן דִי נִסִּים, און וֶועגְן דֶעם הָאבְּן זַיי עֶרְשְׁט יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען שִׁירָה, ווייל יֶעצְט בַּיי דִי קְרִיעַת יַם סוּף הָאבְּן זַיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶער רִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה, צוּ זֶעהן און גְלֵייבְּן וַיִּרְאוּ הָעָם אֶת וְגוֹ' וַיַּאֲמִינוּ בַּה' וּבְמֹשֶׁה עַבְדּוֹ.

## דֶערהֶערט דִי נִסִּים

**און** צוּלִיבּ דֶעם שְׁטֵייט אִין פָּסוּק צְוֵויי מָאל וַיַּרְא, "**וַיַּרְא** יִשְׂרָאֵל אֶת הַיָּד הַגְּדֹלָה וְגוֹ', **וַיַּרְא** יִשְׂרָאֵל אֶת מִצְרַיִם מֵת וְגוֹ'" וָואס אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דַארְף שְׁטֵיין צְוֵויי מָאל וַיַּרְא, נָאר אוֹיף דֶעם אִיז דָא אַ שֵׁיין וָוארְט וָואס מְ'זָאגְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן רַבִּי ר' זוּשָׂא מֵאַנִיפָּאלִי זי"ע אַזוֹי ווִי מֶ'זֶעהְט וָואס רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיף דִי פָּסוּק (בראשית יח ב) בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ "**וַיַּרְא** וְהִנֵּה שְׁלֹשָׁה אֲנָשִׁים וְגוֹ' **וַיַּרְא** וַיָּרָץ לִקְרָאתָם" דֶער עֶרְשְׁטֶער וַיַּרְא מֵיינְט עֶר הָאט גֶעזֶעהן און דֶער צְווייטֶע וַיַּרְא מֵיינְט עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי קְרִיעַת יַם סוּף נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזֶעהן דֶער

גְרוֹיסֶע יַד ה' זַיי הָאבְּן גֶעזֶעהן דִי נִסִּים ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁפַּאלְט דִי יָם, און דֶערְנָאךְ הָאבְּן גֶעזֶעהן און דֶערְהֶערְט דִי נִסִּים אַז השי"ת הָאט גֶעשְׁפָּאלְטְן דִי יָם, און עֶרְשְׁט נָאכְן אַנֶערְקֶענֶען אִין דִי נֵס, הָאבְּן זַיי אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען שִׁירָה.

**מִיט** דֶעם פַארְשְׁטֵייט מֶען דֶער פָּסוּק (יב כז) **אֲשֶׁר פָּסַח עַל בָּתֵּי בְנֵי יִשְׂרָאֵל**, בַּיי מַכַּת בְּכוֹרוֹת וֶוען השי"ת הָאט אִיבֶּער גֶעשְׁפְּרִינְגֶען דִי הֵייזֶער פוּן דִי אִידְן. פַארְוָואס הָאט אוֹיסְגֶעפֶּעלְט דָאס עִנְיָן פוּן שְׁפְּרִינְגֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואלְט פָּשׁוּט גֶעדַארְפְט אוֹיס'הַרְגֶ'נֶען דִי בְּכוֹרִים פוּן דִי מִצְרִים אָן צוּ אִיבֶּער שְׁפְּרִינְגֶען דִי אִידְן, וָואס אִיז דֶער גֶעדַאנְק פוּן אִיבֶּער שְׁפְּרִינְגֶען דִי אִידְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אַרֵיין אִין מִצְרַיִם צוּ שְׁטְרָאפְן דִי מִצְרִים, וָואס הָאט זִיךְ בִּכְלָל אוֹיס גֶעפֶּעלְט צוּ אִיבֶּער שְׁפְּרִינְגֶען דִי אִידִישֶׁע הֵייזֶער, וָואס פוּן דֶעם זֶעהְט אוֹיס אַז וֶוען נִישְׁט דִי רבש"ע שְׁפְּרִינְגְט אִיבֶּער דִי הֵייזֶער פוּן דִי אִידְן וָואלְטְן זַיי אוֹיךְ גֶעקֶענְט בַּאשְׁטְרָאפְט וֶוערְן.

**נָאכְמֶער** ווִיסְן מִיר אַז מִיט דֶעם וָואס דִי רבש"ע אִיז אִיבֶּער גֶעשְׁפְּרִינְגֶען דִי הֵייזֶער פוּן דִי אִידְן מִיט דֶעם אִיז אַרוֹיס גֶעווִיזְן גֶעוָוארְן דִי לִיבְּשַׁאפְט פוּן השי"ת צוּ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, און אוֹיף דֶעם עֶסְט מֶען דֶער קָרְבָּן פֶּסַח אַלְס זֵכֶר שֶׁפָּסַח עַל בָּתֵּי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל. נָאר מִיר זֶעהן פוּן דֶעם אַז דִי אִידְן זֶענֶען נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אִינְגַאנְצֶען רָאוּי, מֶען הָאט גֶעדַארְפְט צוּקוּמֶען אַז דִי רבש"ע זָאל זַיי אִיבֶּער שְׁפְּרִינְגֶען, און נָאר צוּלִיבּ דֶעם לִיבְּשַׁאפְט און דֶער הַבְטָחָה פוּן הקב"ה, הָאט השי"ת גֶעראַטֶעוֶועט דִי אִידְן.

## וַיִּרְאוּ הָעָם

**חז״ל** זָאגְן אַז דִי אִידְן הָאבְּן כְּסֵדֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דִי מִצְרִים, ווִילַאנְג זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעזֶעהן דִי מִצְרִים טוֹיט בַּיים יָם הָאבְּן זֵיי נָאךְ גֶעצִיטֶערְט טָאמֶער דִי מִצְרִים ווֶעלְן נָאךְ אַרוֹיס קוּמֶען פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט יַם, אוּן זֵיי ווֶעלן שְׁלֶעכְטְס טוּן, אוּן דֶערפַאר זָאגט רש״י (יד ל) **שְׁפָלְטָם הַיָּם עַל שְׂפָתָם** דִי רבש״ע הָאט אוֹיסגֶעשְׁפִּיגְן דִי מִצְרִים אַז זֵיי זָאלְן זֶעהן ווִי דִי מִצְרִים זֶענֶען טוֹיט.

**אִין** סְפוֹרְנוֹ שְׁטֵייט אוֹיפְן פָּסוּק (יד ל) וַיּוֹשַׁע ה׳ בַּיּוֹם הַהוּא וְגוֹ׳ וַיַּרְא יִשְׂרָאֵל אֶת מִצְרַיִם מֵת, אַז ווִילַאנג דִי מִצְרִים זֶענֶען נָאכְנִישְׁט גֶענצְלִיךְ גֶע׳הרג׳עט גֶעוָוארְן, זֶענֶען דִי אִידְן נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען פַארֶערְכְנְט אִינגַאנצְן אַלְס ״גֶעהָאלְפֶענֶע״ זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען ווִי ״עֲבָדִים בּוֹרְחִים״ אַנטְלוֹיפְנְדֶע קְנֶעכְט, אָבֶער עֶרְשְׁט ווֶען דִי מִצְרִים זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזֶעהן ווִי דִי מִצְרִים לִיגְן טוֹיט אוֹיפְן עֶרד, דֶעמָאלְטְס זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן אִינגַאנצֶען גֶעהָאלְפְן, וַיּוֹשַׁע ה׳ **בַּיּוֹם הַהוּא** אֶת יִשְׂרָאֵל.

**דֶער** זֶעלבֶּע קֶען מֶען זָאגְן, אִיז גֶעוֶוען בְּרוּחְנִיּוֹת זֵיי זֶענֶען דֶעמָאלְטְס אָנגֶעקוּמֶען צוּ דֶער רִיכְטִיגֶע מַדְרֵיגָה אִין אֱמוּנָה, דֶער אֱמוּנָה אִיז גֶעוָוארְן בִּשְׁלִימוּת זֵיי הָאבְּן דֶערגְרֵייכְט צוּ וַיַּאֲמִינוּ בַּה׳ וּבְמֹשֶׁה עַבְדּוֹ.

## אָז יָשִׁיר

**דָאס** אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לִמּוּד לְדוֹרוֹת, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אָז יָשִׁיר מֹשֶׁה בִּלְשׁוֹן עָתִיד נִישְׁט אָז שָׁר וָואס ווָאלְט גֶעמֵיינְט נָאר דֶעמָאלְטְס הָאבְּן זֵיי גֶעזִינְגֶען, נָאר מֶ׳דַארְף שְׁטֶענְדִיג זִינְגֶען צוּם רבש״ע, אוּן דָאס אִיז וָואס השי״ת פַארְלַאנְגְט פוּן אוּנְז אִין אַלֶע גָלוּתְ׳ן אוּן אַלֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן, ווֶען אוּנְז זֶענֶען אוּנְטֶער גֶעדְרִיקְט מִיטְן קֹשִׁי הַשִּׁעְבּוּד.

**עֶס** מַאכְט זִיךְ אַסַאך גֶעלֶעגְנהֵייטְן זִיךְ מְחַזֵּק צוּ זַיין, השי״ת אִיז אוּנְז מְזַכֶּה אוֹיף פַארְשִׁידֶענֶע ווֶעגְן ווִי אוּנְז קֶענֶען זֶעהן דֶעם יַד ה׳ אֲפִילוּ דָא אִינֶעם פוּנְסְטֶערְן גָלוּת, אוֹיבּ ווִיל מֶען בֶּאֱמֶת זֶעהן אוּן אַנֶערקֶענֶען אִין דֶעם, דַארְפְן מִיר עֶפֶענֶען דִי אוֹיגְן אוּן עֶס אַרֵיין נֶעמֶען אִין זִיךְ, זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִין אֱמוּנָה אוּן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.[טז]

---

**טז.** דער באבובער ראש הישיבה ר׳ אברהם שטערנבוך זצ״ל האט פארציילט וועגן זיין רבי הגאון רבי משה הלוי סאלאווייציק זצ״ל וואס איז געווען דעמאלטס דער ראש הישיבה אין לוצערן – שווייץ. ער איז אמאל געגאנגען מיט אים שפאצירן אויף די בערג, זיי זענען געגאנגען אויף די באקאנטע לאנגע שטרעקער וואס מען גייט פון ארוז״א ביז דאווא״ס. זיי האבן זיך ערגעץ וואו פארבלאנדזשעט אויף די וועג, און די נאכט שעות האבן אנגעהויבן צו פאלן, מען האט זיך אנגעפאנגען צו זארגן ווי מ׳קריכט ארויס פון דעם פארבלאנדשעטער וועג.

פלוצלינג האט זיך באוויזן גאר אן אלטע גוי, האבן זיי אים געבעטן אז ער זאל זיי ווייזן דער וועג ארויס, האט ער געענטפערט מיט א זיכערקייט ״קומט מיט מיר איך קען גוט די וועגן אויסעווייניג״ ער האט זיי טאקע געפירט אויף דער ריכטיגע וועג.

**בִּפְרַט** יֶעצְט וֶוען מִיר פְּרַאוֶועגֶען דֶעם יו"ט פֶּסַח, דַארף מֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִין אֱמוּנָה בַּה' אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר בְּקָרוֹב אוֹיסגֶעלַייזְט וֶוערְן בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

גייענדיג מיט דער גוי דער וועג אהיים האט דער גוי זיי פארציילט, אז ער איז שוין צוואנציג יאר נישט געגאנגען אויף די וועג, אבער אין זיינע יונגע יארן פלעגט ער שפאצירן דעם וועג יעדן טאג, אבער זייט ער איז עלטער געווארן האט ער שוין נישט כח צו גיין אזויפיל. פונקט היינט האט ער געטראכט, איך ווער שוין אלט ווער ווייסט וויפיל מאל איך וועל נאך האבן דער געלעגנהייט צו קריכן אויף דעם וועג, דערפאר בין איך היינט געקומען דא אריין צו כאפן נאכאמל דער שפאציר.

רבי אברהם האט דערציילט אז ווען זיי זענען אנגעקומען צוזאמען אהיים, זענען זיי געווען גאר שטארק פארמאטעט און ער איז גלייך געגאנגען שלאפן, אבער ער האט במערקט ווי דער ראש ישיבה איז נאך פארנומען ער שפאצירט ארויף און אראפ און ער איז גאר שטארק פארטראכט, אויף מארגן האט ער אים געפרעגט פארוואס איז ער נישט געגאנגען זיך אויסרוהען? האט אים דער ראש ישיבה געענטפערט "איך האב געמוזט אריין טראכטן אין דאס וואס האט דא פסירט מיט אונז, וויפיל השגחה די רשב"ע האט צוגעפירט אז פונקט אין דער טאג, זאל דער גוי גיין פונקט אין דער צייט אויף דעם זעלבע פלאץ ווי מיר זענען געווען"...

גרויסע לייט האבן געוואוסט ווי אזוי אפצולערנען און אריין טראכטן אין יעדער פאסירונג, מיט א ריכטיגע בליק.

# הלכות ליל הסדר

## ליל פסח

### מעריב

**מען** דאווענט מעריב גלייך ווען ס׳ווערט נאכט.[א]

**מען** זאגט ויכולו אבער נישט ׳מעין שבע׳ - מגן אבות וכו׳.[ב]

**מען** פירט זיך צו זאגן גאנץ הלל נאך מעריב אין ביהמ״ד,[ג] ווען מען זאגט די ברכה אויף הלל זאל מען אינזין האבן צו יוצא זיין די הלל וואס מ׳גייט זאגן ביים סדר.[ד]

**דער** צווייטע נאכט (מוצ״ש) זאגט מען ׳ותודיענו׳. אויב מען האט פארגעסן צו זאגן ׳ותדיענו׳ אויב מ׳האלט נאך אינמיטן די ברכה, דארף מען צוריק גיין און זאגן, אויב מען האט שוין געזאגט דער שם ה׳ פון די סוף פון די ברכה, דאן זאל מען נישט צוריק גיין.[ה]

---

**א.** מ״ב סימן תעב סק״ב.

**ב.** שו״ע (סימן תפז סעיף א), ויש נוהגים לאמרו, ועיין בדרכי חיים ושלום (סימן תקפג בהגהה) בשם האריז״ל שאין לאמרו.

**ג.** שו״ע סימן תפז סעיף ד, וכתב במ״ב סקט״ז שמנהג הספרדים לאמרו, וכן הוא מנהג הגר״א, והנו״ב (תשובה מאהבה ס״ס צ״א), וכן המנהג באר״י (לוח לאר״י, וכתב שאצל הגר״ש סלנט נהגו שהחזן מברך ומוציא את כולם). אבל דעת הרמ״א (שם) שאינם אומרים הלל כלל בבית הכנסת, ויש שנהגו לאומרו בלי ברכה (דינים והנהגות החזו״א פי״ז כט).

**ד.** טור סו״ס תעג.

**ה.** מ״ב (סי׳ תצ״א סק״ד) דדינו כאתה חוננתנו.

**מען** טאר נישט טון קיין שום מלאכה לצורך אוכל נפש, ביז ווילאנג מ׳זאגט ׳ברוך המבדיל בין קודש לקודש׳, דערפאר טארן נישט די פרויען אנצידן ליכט פאר זיי דאווענען מעריב אדער זאגן ברוך המבדיל בין קודש לקודש.[ו]

**פרויען** וואס ווילן עסן נאך זיי צינדן פסח ביינאכט, און זיי קענען נישטווארטן ביז דער מאן קומט אהיים מאכן קידוש, קענען זיי מקיל זיין און טועם זיין אָן קידוש, אויב זיי זענען הונגעריג ביז ס׳ווערט נאכט.[ז]

**ו.** עי׳ שו״ע (סי׳ רצ״ט סעי׳ י׳).

**ז.** הנה בערב שבת רגיל, הרי יש להם ברירה בשעת הדחק לעשות קידוש ולטעום מידי, אבל בערב פסח א״א לעשות כן, שהרי כוס קידוש צריך להיות בלילה. וכמו״כ בערב שבת, יכולים הנשים לעשות תנאי בשעת הדלקת נרות שאין מקבלות עליהם עיצומו של יום (או שאין פורשות כלל ממלאכה), ובכה״ג יכולות לאכול, אבל בערב פסח שמנהגן לברך שהחיינו, הרי ודאי עי״ז מתקבלת עליהן עיצומו של יום ממש, ולא שייך בזה שום תנאי [ובאמת היה נראה שבשעת הדחק אפשר להם להדליק נרות בלא ברכת שהחיינו, ובכה״ג יכולות לעשות תנאי]. ובערב פסח שחל להיות בחול, הרי הברירה בידם לדחות את הדלקת נרות עד הלילה, כמו שיש נוהגות בלא״ה, אבל השנה שליל פסח חל להיות בשבת הרי א״א לדחות לאחר שקיעת החמה, וא״כ לכאורה אין להם שום היתר לאכול.

והנה לכאורה יש מקום לצדד ולהתיר להן לאכול מטעם שעדיין לא הגיע זמן קידוש, ונבאר דברינו. דהנה מבואר בשו״ע (סימן תע״ב ס״א) אבל לא יאמר קידוש עד שתחשך״. ומצינו ב׳ טעמים לדבר א) במג״א (סק״א) דכוס של קידוש הוא א׳ מד׳ כוסות, וכולן צריכים להיות בלילה״ ומקורו של טעם זה הוא בתרוה״ד. ב) ובטו״ז (סק״א) כתב טעם אחר דהקידוש צריך שיהיה בשעת ראויה למצה. ועיין בשועה״ר שהעתיק טעמו של המג״א, ובמ״ב העתיק שני הטעמים. והנה לא מבעיא שא״א לעשות קידוש מבעוד יום, אלא אפילו בבין השמשות כתבו האחרונים שא״א לעשות קידוש, וכמפורש בלשון שועה״ר (סימן תע״ב ס״ב) ״לא ימהר להתחיל הקידוש קודם שיהיה ודאי חשיכה״, וכן כתב המשנ״ב (סק״ה) ״ולא בין השמשות״, וציין שכן הוא במהר״ם חאלאוה.

ובטעם הדבר שא״א לעשות קידוש אפילו בבין השמשות, אף שלכאורה יש לדון דיהא מותר משום ספק דרבנן לקולא, כתב הפרי מגדים (מ״ז סימן תפ״ו) כי אין לעשות ספק דרבנן לכתחלה. אבל בשועה״ר (שם) הבליע טעם אחר, וכלשונו ״דכל שכל מה שתיקנו חכמים כעין של תורה תיקנו...״, ודו״ק. ועכ״פ המבואר מכל זה דמדרבנן אין לעשות קידוש קודם הלילה, ואף בבין השמשות א״א לקדש – והשתא דאתית להכא נראה דעד צאה״כ – לכל אחד לפי שיטתו – יהא מותר לאכול אף אם קיבלו עליהם יו״ט, שהרי עדיין לא הגיע זמן קידוש.

והדבר דומה לצפרא דשבת קודם התפלה, שמבואר בשו״ע (סימן רפ״ט ס״א): ״ומיהו לשתות מים בבוקר קודם התפלה מותר, מפני שעדיין לא חל חובת קידוש״, והכי נמי בנד״ד עדיין לא חל

ווי נאר מען ענדיגט דאווענען זאל מען גלייך אהיים גיין, כדי צו קענען אנהייבן די סדר נאך פאר די קינדער שלאפן איין.[ח]

## הלכות שבת הנוגע לליל הסדר

**היות** דער ערשטער טאג פסח געפאלט אויס אין שבת, דארף מען אלעס צוגרייטן פון פאראויס, אז מ׳זאל חלילה נישט נכשל ווערן אין אן איסור שבת אין אזא הייליגע נאכט. אויב מ׳האט פארגעסן צו צוגרייטן אום ערב שבת געוויסע זאכן, זאל מען טון ווי פאלגענד:

### שאלאטן

**מען** מעג אראפ נעמען די שמוציגע בלעטער פון אינדרויסן, כדי צו צוקומען צו די ריינע בלעטער וואס ליגן מער אינעווייניג, אבער נאר אויב מ׳מאכט עס גלייך פאר די סעודה.[ט]

**מען** מעג נאר אראפ-שווענק מיט וואסער די ריינע בלעטער, אבער שמוציגע בלעטער זאל מען לכתחילה נישט שווענקען מיט וואסער, אפילו מ׳קען עס עסן שמוציגערהייט.[י]

---

חובת קידוש. [ויש להוסיף קצת עוד, דכל האיסור לטעום לאחר הדלקת נרות אינו איסור ברור ממש, דהן אמת שכתב המג"א (בסימן רע"א סק"ה): "ואם קבל שבת אפילו מבעוד יום אסור לטעום". ומלשונו משמע דסתם קבלת שבת אוסר טעימה, אבל מקור דבריו הוא בב"ח, ושם כתב הלשון "כשהתפלל ערבית וקיבל עליו שבת", וכן השועה"ר (שם ס"ט) שהעתיק דברי המג"א, כתב "או אפילו מבעוד יום אם התפלל ערבית מבעוד יום", וראה תהל"ד (סימן רס"א). מאידך המשנ"ב העתיק דברי המג"א כצורתו, ודבר זה תולה אם הדלקת נרות הוא קבלת עיצומו של יום או לא, וסוגיות רחבות הם, ואכמ"ל. וראה בשו"ת מנחת יצחק (ח"ח סימן י"ח) שמצרף דבר זה קצת לצירופא בנד"ד].

**ח.** פסחים קט, שו"ע סימן תעב ס"א. ויכנס לביתו בשמחה ובפנים יפות (סידור ר"י עמדין).

**ט.** ביאור הלכה (סימן שי"ט ס"א ד"ה מן העלין).

**י.** עיין בשו"ת שבט הלוי חא סימן נב דאסור לשטוף ענבים מלוכלכים, ועיין בשו"ת מנחת יצחק ח"ה סימן לט שמקיל לשוטפן במים שנוקט הפירות בידו לאכלן לאלתר.

**אויב** מ׳זעהט א וואָרעֶם זאל מען עס אראפ נעמען נאר מיט אביסל פון די בלעטל ארום דעם ווארעם.[יא] אבער מ׳דארף אכטונג געבן נישט צו טויטן די ווארעם.[יב]

## חריין

**עס** איז אן איסור מדאורייתא צו רייבן חריין אום שבת, אפילו צושניידן אויף קליינע שטיקלעך, טאר מען אויך נישט, דערפאר אויב מ׳האט פארגעסן צו רייבן די חריין פאר שבת, דארף מען עס צושניידן אויף שטיקלעך, פאר די סעודה.[יג]

## חרוסת

**אזוי** אויך טאר מען נישט מאכן קיין חרוסת אויף שבת, דעריבער אויב מען האט פארגעסן צו מאכן חרוסת פאר שבת, קען מען עס נאר מאכן מיט א שינוי, דאס באדייט אז מען זאל ערשט אריין לייגן די וויין, און דערנאך די ניס, מען דארף זיין פארזיכטיג נישט צו צוקלאפן די ניס אום שבת, נאר מיט א שינוי ווי צ.ב. עס צוקלאפן מיטן פארקערטן זייט פונעם מעסער און נאר אויפן טיש. אזוי אויך זאל מען דאס נישט אויסמישן מיט א לעפל, נאר מען זאל אריין לייגן דער לעפל אינעם טעלער און אזוי פירן דאס לעפל פון איין זייט טעלער צום צווייטע זייט ביז עס ווערט אליין אויסגעמישט. אדער קען מען דאס מישן מיט א פינגער אדער שאקלען די טעללער. און מען מעג דאס נאר טוהן פאר די סעודה. און עס טאר נישט אויסקומען צו געדעכט נאר רינעדיג.[יד]

---

**יא.** ט״ז שיט סקי״ט.

**יב.** שו״ע סימן שטז ס״ט.

**יג.** יש נוהגים לפררו מבעוד יום, ויש נוהגים לפררו דווקא ביו״ט לאחר שחוזרים מבית הכנסת (מ״ב סימן תעג סקל״ו בשם הגר״א וטעמו כדי שלא יפוג הטעם), ע״י שינוי (רמ״א סימן תקד סעיף א, ובמג״א שם סק״ז), ויש אוסרין אף בשינוי. אבל השנה שחל יו״ט ראשון בשבת לכו״ע אסור לפוררו דק דק אף ע״י שינוי, אלא יחתוך בסכין סמוך לסעודה, חתיכות גדולות קצת (שו״ע סימן שכא סעיף יב ומ״ב סקמ״ה).

**יד.** סימן שכא מ״ב סקמ״ה. ועיין במ״ב סימן תעג סקמ״ח, וציין שם לדבריו בסימן שכא סקס״ח.

### זרוע

**אויב** מען האט נישט געבראטן די זרוע פאר שבת, זאל מען נוצן א געקאכטע שטיקל פליגל, אדער סתם א שטיקל פלייש.[טו]

### זאלץ וואסער

**מען** מעג צוגרייטן זאלץ וואסער און שבת, אבער מ׳טאר נישט לייגן אסאך זאלץ, און אזוי אויך טאר מען נישט מאכן מער ווי מ׳דארף אויף צו טינקען[טז].

**מען** טאר נישט צוגרייטן דער ערשטע טאג יו״ט - שבת צו דער צווייטע טאג יו״ט.[יז]

### שלש סעודות

**דער** ערשטער טאג יו״ט עסט מען שלש סעודת, טייל פירן זיך צו צוטיילן דער ערשטער סעודה, דאס מיינט אז מ׳בענטש אינמיטן די סעודה, און מען גייט דאווענען מנחה,[יח] [אדער מען מאכט א שטיקל הפסק] און נאכדעם וואשט מען זיך נאכאמאל צו סעודה שלישית.[יט]

---

**טו.** מג״א (סימן תעג סק״ח) שכן נהג המהרש״ל וחלקו אח״כ להמסובין, ועיי״ש בפמ״ג.

**טז.** עיין בחיי אדם סימן קל בדיני הסדר ובקיצור שולחן ערוך סימן קיח ס״ד כתבו שיעשה בשינוי, אמנם בקובץ מבית לוי הביא שסתימת הפוסקים היא שביו״ט אין צריך שינוי. אמנם בשבת לא יעשה רק מעט הנצרך להסדר ולא יכניס ב׳ שלישים מלח. (שו״ע שכא ס״ב, וראה מג״א סימן תעג סק״ה).

**יז.** השנה שחל יו״ט ראשון בשבת חמור יותר דין הכנה מסתם יו״ט עי׳ שו״ת חשב האפוד ח״ב סי׳ ס״ה תשובה להגר״ח קויפמאן ז״ל. אמנם דברים שאין בהם מלאכה כגון הצעת המטה וכל כה״ג אין בהם משום הכנה.

**יח.** עיין ברמ״א (סימן רצא סעיף א) דצריך להתפלל מנחה לפני סעודה שלישית, ועיין בספר י״ג אורות שכתב חילופי מנהגים בזה. הדברי חיים מצאנז זי״ע היה מחלק הסעודה לשנים, אבל הרה״ק מבעלזא זי״ע אכל סעודה שלישית אחר מנחה קטנה כמו בכל שבת, והרה״ק משינאווא זי״ע היה אוכל פירות בשביל סעודה ג׳.

**יט.** רמ״א (סימן תקכט סעיף א), ועיין במג״א (סימן רצא סק״ח) שכתב דלכתחילה יקדים הסעודה לפני שעה עשירית, אולם במשנה ברורה מצינו כמה דעות האיך להתנהג, עיין במ״ב (שם בביאור הלכה) דם אינו קבע אלא אוכל מעט א״ת להקדים, ובשעה״צ (תקכט סק״ט) סותר לדבריו עיי״ש וצ״ע.

**מען** דארף אכטונג געבן נישט צו עסן צופיל, כדי מען זאל קענען עסן די מצה דער צווייטע נאכט לתיאבון.[כ]

# הכנה לסדר

**די** ספרים הקדושים שרייבן אז לויט ווי מ'פירט זיך ביים ליל הסדר די הויכפונקט פונעם יאר, אזוי וועט געפירט דער יאר. עס שטייט אין מהר"ל[כא] אז פסח ביינאכט איז יעדער איד דערהויבן אזוי הויעך ווי דער כהן גדול אויף יום כיפור.

**אין** חתם סופר שטייט[כב] אז פסח ביינאכט איז נישטא פארהאנען קיין טומאה, די שכינה געפונט זיך ביי יעדען אין שטוב ביים ליל הסדר. דעריבער דארף מען שטארק אכטונג געבן זיך אויף פירן ערליך און וואויל צו קענען שפירן די געוואלדיגע השפעות וואס קומען אראפ דער נאכט.

**עס** שטייט אין שלה"ק[כג] אז מען זאל אכטונג געבן נישט צו רעדן קיין שום איבריגע רייד, די גאנצע נאכט.

**כ.** מג"א (תקכט שם) ועיין בביאור הלכה שמפקפק ע"ז.

**כא.** גבורת ישראל פרק נא – ביור הגדה של פסח ד"ה ולפיכך. ויש בזה נותן טעם לשבח בטעם המנהג ללבוש "ווייסע קיטלעך" בליל הסדר, שהרי אנו דומים לכהן גדול הנכנס לפני ולפנים.

**כב.** תורת משה (פרשת צו ד"ה הנה במהר"ל) וז"ל אך תגבורת הקדושה שהשפיע הקב"ה על ישראל בלילה ההוא, אעפ"י שלא היו ראויים, מ"מ הקב"ה עשה כך כדי להשלים רצון צדיק – אברהם אבינו ע"ה ואחרי כן יצאו ברכוש גדול, ע"כ השפיע עליהם כ"כ עד שנתבטלה הטומאה בתתק"ס בקדושה [כמו בריה שבטילה בתתק"ס לכמה פוסקים – הרשב"א (שו"ת ח"א סימן רעא, והואר זרוע סימן רסד)] ולכן בכל פסח מותר להשתמש במשכונות של נכרים, כי אז מכח גודל ההתלהבות דסיפור יציאת מצרים לא ישלוט בנו כח הטומאה אעפ"י שלא נטבלו.

**כג.** מסכת פסחים. וכתב החיד"א (לב דוד פרק ל סק"ו) "ומה טוב שימנע משיחת חולין מקידוש עד סוף הלל".

**מען** פירט זיך צו זאגן פאר די סדר די סימנים קדש ורחץ וכו׳ אלס הכנה צום מצוה.[כד]

**מען** גרייט אן די קערה מיט דריי מצות, מען לייגט אויף די קערה: מרור חרוסת כרפס און צוויי געקעכטס[כה]. אזוי אויך פירט מען זיך צו לייגן דער זאלץ וואסער נישט אויף די קערה.[כו]

**עס** זענען דא וואס לייגן אלע זאכן אויף די קערה נאך קידוש, און עס זענען דא וואס פירן זיך צו מסדר זיין אלעס בעפאר יו״ט.[כז]

**פאר** מען לייגט ארויף די מצות, זאל מען בודק זיין די מצות פון נפוחות און כפולות, אויב מען האט נישט קיין גאנצע מצה פאר לחם משנה, מעג מען איבער באקן די מצה אין אויוון, אדער אויפן פייער ביז עס ווערט א שלימה.[כח]

**מען** פירט זיך צו באצירן די סדר טיש מיט שיינע טייערע כלים,[כט] מען זאל דאס אלעס אליין אנגרייטן און נישט לאזן א גוי צוגרייטן די סדר טיש.[ל]

**סדר** הקערה: די זרוע - איז א זכר לקרבן פסח, און די ביצה - איז א זכר לחגיגה וואס מ׳האט געגעסן צוזאמען מיטן קרבן פסח, דער זרוע - געבראטענע ביין לייגט מען אויף די רעכטע זייט, און דער ביצה - איי לייגט מען ביי דער לינקע

---

**כד.** יסוד ושורש העבודה, ויגד משה סימן יד. כל עניני ליל הסדר יש להם סודות גדולים ונוראים, והשאצער רב זי״ע הי׳ מפרש את הפסוק "ואני וגו׳ בהמות הייתי עמך", שמסתכלים על הקערה ורואים זרוע ביצה וכו׳ "אבער עס דרייען זיך עולמות. ובספרי קבלה איתא שמאוד יש להזהר בלילה זה לעשות הכל כתיקונו, ולא רק בעניני פסח, אלא בכל ההלכות יקפיד יותר מכל הלילות

**כה.** שו״ע (סימן תעג סעיף ד).

**כו.** לפי סדר קערה של האר״י הק׳.

**כז.** פרמ״ג סימן תפו, וראה שו״ע הרב סימן תעג סעיף כה. ועיין בשו״ע סימן תעב סעיף א. וקיצור שו״ע סי׳ קי״ח ס״ו, ובסעיף י׳ כתב שאף את הקיטל יכין מבעוד יום.

**כח.** שמירת שבת כהלכתה סימן נה סעיף י.

**כט.** שו״ע סי׳ תע״ב ס״ב.

**ל.** יסוד יוסף פ״ה, ומ״ב סימן תסז סקפ״ח בשם ספר תניא, על כל ענייני הפסח, והוסיף שם דכמו״כ ראוי שלא לעורכו ע״י קטן.

זייט פון די סדר, מרור - חריין לייגט מען אינמיטן, און דער חרוסת - א געמישעכטס פון עפל ניס און וויין לייגט מען אונטער דער זרוע, און כרפס - א שטיקל גרינצווייג אונטער דער איי, חזרת - שאלאטאן אונטער אלעם.[לא]

**איינער** וואס קויפט א נייע קערה, דארף דאס טובל'ן פאר יו"ט, אויב מען האט עס נישט גע'טובל'ט מעג מען דאס נישט נוצן אום יו"ט, נאר אויב מען לייגט ארויף קליינע גע'טובל'טע טעללערס אויף די קערה, אויף א זיכערע וועג אז די עסן וועלן נישט צורירן דעם קערה זעלבסט וואס איז נישט גע'טובל'ט.[לב]

**מען** זאל צוגרייטן גענוג פלאץ פאר יעדן, כדי עס זאל זיין פלאץ זיך אנצולאנען, דרך חירות.

**מען** פירט זיך אנצוטון א ווייסע קיטל.[לג]

**עס** איז א מצוה צו טיילן ניסלעך און מאנדלעך פאר די קינדער כדי זיי זאלן נישט איינשלאפן.[לד]

---

**לא.** ושלש המצות הם נגד ג' מדות הראשונות "כתר חכמה בינה", ורמז לדבר אי' עה"פ "ארחץ בנקיון כפי ואסובבה את מזבחך", מזבח"ך ר"ת מצה מרור זרוע ביצה חזרת חרוסת כרפס, כך הוא הסדר עפ"י קבלת האריז"ל. ויש בזה מנהגים אחרים, וכל אחד ינהג לפי מנהג אבותיו.

**לב.** ראה שו"ע או"ח סימן שכג סעיף ז הדעות בזה, ויו"ט כשבת לעניין זה כמבואר בשו"ע סימן תקז סעיף ז.

**לג.** שהוא דרך חירות. ועוד טעם כתבו כדי שלא תזוח דעתו עליו מפני השמחה ע"כ ילבש בגד מתים ט"ז סימן תעב סק"ג. ובהגדת זרע גד הק' עליו דהא אין מזכירין אבילות ביו"ט, אלא מקור המנהג הוא משום שבעת העניות שלא היו יכולים לקנות מחלצות, עשו בגד מפשתן דק ונקי להתכבד בו, ולבשו אותו בליל הסדר להראות בו שררה. ובהגדת אמרי שפר להנצי"ב כתב הטעם משום שאכילת פסח משולחן גבוה קאכיל, וצריך לאכול באימה וביראה כמו שאוכל על שולחן המלך, ע"ש. ועוד טעם כתב בהגדת אור ישרים לבעל העמודי אור סמך למנהג זה מדרשת המכילתא 'ויהי שם לגוי' מלמד שהיו ישראל מצוינים שם, ומצינו לחז"ל [עי' שבת דף קמ"ה] שת"ח שבבבל מצויינים בבגדי לבן כמלאכי השרת, ולזכר זאת גם אנו מצטיינים בבגדי לבן. ומובא משמו גם בתחילת הגדת המלבי"ם אות א.

ולענין אָבֵל יש דעות ומנהגים שונים עי' טו"ז סי' תע"ב סק"ג., ומג"א סימן תעב סק"ה, ובמ"ב סקי"ג כתב שנהגו שלא ללבוש ומ"מ הלובש אין מוחין בידו.

**לד.** כדי שלא יישנו וישאלו, והוא מדינא דגמרא בפסחים דף ק"ט, ושו"ע סי' תע"ב סעי' ט"ז.

# הלכות הסיבה

**איינער** פון די חיובים ביים סדר, איז הסיבה - זיך אנלאנען. סיי ווען מ׳עסט די מַצוֹת, און סיי ווען מען טרינקט די ד׳ כוסות.[לה]

**מען** דארף אנלאנען דעם קאפ אדער א טייל פונעם קערפער צום לינקע זייט, מען דארף זיך אנלאנען אויף עפעס א געוויסע זאך, און נישט סתם בייגן די קערפער צום לינקע זייט.

**טייל** פירן זיך אז די פיס זאל בלייבן אויף די ערד[לו], נאר דער גוף זאל ליגן אויף די לינקע זייט, און עס זענען דא וואס פירן זיך צו אראפ לייגן דער גאנצע גוף אזוי ווי אויף א בעט.[לז]

**פרויען** דארפן זיך נישט אנלאנען[לח], אבער זיי זאלן נישט עסן אדער טרונקען שטייעדיג, אזוי אויך זאלן פרויען נישט עסן ווען זיי האלטן קליינע קינדער אויף זיך, וויבאלד דאס איז נישט דרך חירות.

**אויב** מען האט פארגעסן זיך אנצולאנען:

**ביי מצה** - זאל מען לכתחילה איבער עסן די כזית מצה אנגעלאנטערהייט.[לט]

ועיין בשו״ע הרב סי׳ תע״ב סל״א. שעי״ז יתעוררו לשום לב על כל השנויים ומנהגי לילה זה, וישאלו שאלות המבוארים בנוסח מה נשתנה. וצריך לעוררם שלא יישנו עד אחר עבדים היינו וכו׳, שידעו ענין יציאת מצרים, דעיקר המצוה הוא התשובה על שאלת בנו, וכמו שנאמר והגדת לבנך ביום ההוא לאמר בעבור זה וגו׳, מ״ב שם סק״נ.

**לה.** שו״ע סימן תעה סעיף א

**לו.** רש״י ברכות מו: ד״ה בזמן.

**לז.** הגדת חקל יצחק דף לו וכן נהג הגה״ק בעל עצי חיים זצ״ל ובהגדת דברי יואל שכן היה מנהגו של רביה״ק מסאטמאר זצוק״ל.

**לח.** רמ״א סי׳ תע״ב ס״ד.

**לט.** אבל הכזית משום המוציא אינו צריך לחזור ולאכול, (באה״ט תע״ב סק״ח).

**ד' כוסות** - זאל מען נישט איבער טרינקען, אויסער אויב מען האט פארגעסן ביי דער צווייטע כוס.[מ]

**כורך** און אפיקומן - דארף מען נישט איבער עסן.[מא]

**מרור** - עסט מען נישט אנגעלאנט, אויב מען האט געגעסן מרור אנגעלאנטערהייט, דארף מען נישט איבער עסן.[מב]

## דיני ארבע כוסות וקידוש

### קדש

**יעדער** איינער איז מחוייב צו טרינקען פיר כוסות, מענער און פרויען צוגלייך[מג], קינדער דארפן אויך טרינקען אלע פיר כוסות.[מד]

**לכתחילה** דארף מען טרינקען פאר די ארבע כוסות, 'יין המשכר' וויין, ווער עס קען נישט פארנעמען קיין וויין, [דאס מיינט אז ער ווערט קראנק פון דעם, ער באקומט קאפ וויי א.ד.ג.] קען טרינקען גרעי"פ דזשוא"ס אדער מאסט.[מה]

**מ.** אבל בשאר הכוסות שצריך לברך עליהם נראה כמוסיף על הכוסות, ואם התנה בכוס ראשון שאם ישכח ישתה פעם שנית, יכול לחזור גם על כוס ראשון, אבל לא בב' כוסות האחרונים (שו"ע סימן תעב סעיף ז, ובמ"ב סקכ"א).

**מא.** אם אכל אפיקומן בלא הסיבה, אם עדיין עומד לפני בהמ"ז, יש אומרים שאם לא קשה עליו האכילה יחזור ויאכל, לצאת ידי הסוברים דבאכילת אפיקומן יוצאין ידי מצות מצה.

**מב.** באה"ט (סימן תעה סק"ז) אם רוצה להסב רשאי.

**מג.** פסחים קח: אך יכולות לשתות לכתחילה מיץ ענבים, שהרי אין להם בזה שמחת יו"ט, כדאי' בגמ' שם קט. ע"ש.

**מד.** שו"ע סימן תעב סעיף טו.

**מה.** חק יעקב סימן תעב סקכ"ב, ויש נוהגין לערב מעט יין חזק בתוכו (מבית לוי). ועיין בבאר משה (סימן ז אות ב) דיכולים לערב בתוך היין מיץ ענבים ויוצא בזה ידי מצוה מן המובחר.

**צוקוועשטע** טרויבן וועט נאר וויין, ווען עס גייען אדורך אלע שטאפלען פון מאכן וויין, דאס מיינט אז דער וויין דארף קאכן - [תסיסה fermentation] מינומים פערציג טעג, וויניגער ווי דעם הייסט נישט קיין וויין, דערפאר ויינען וואס זענען וויניגער ווי 8 % באדייט אז די וויין איז געווארן אפגעשטעלט פון זיך קאכן פאר פערציג טעג.

**עס** איז דא אן אויסנאם, וואס דאס איז KEDEM ESTATS ויינען וואס שטעלן זיך אפ צו קאכן פאר פערציג טעג, אבער פונדעסט וועגן הייסט דאס וויין, וויבאלד מען מאכט דאס מיט טרויבן וואס זענען נישט אזוי זיס, דערפאר איז דאס נאר 8%.

**שטארקער** ויינען קען מען מישן מיט מאסט אדער גרעי"פ דזשוא"ס ביז 50% [מו].

**דער** קאליר דארף לכתחילה זיין רויט. [מז]

**מען** דארף אויסוואשן די בעכער פאר קידוש און פאר ברכת המזון, אבער ביי די צווייטע און די פערטער כוס דארף מען נישט אויסשווענקן די כוסות. [מח]

**מען** פירט זיך אז מען גיסט זיך נישט אליין אן די בעכער, וועגן דרך חירות. [מט]

---

מאס"ט עדיף ממיץ ענבים דאפשר להיות שכר, משא"כ מיץ ענבים א"א ליהות שכר דמניחים בתוכו קעמיקל"ס להפסיק התסיסה, ועיין ברשב"ם (ב"ב דף צז:).

איתא בספרים הקדושים שמי שדוחק את עצמו לשתות יין, ניצול מד' מיתות בי"ד אם נתחייב בהן. (עי' כף החיים סי' תע"ב סקע"ג).

**מו.** ויש לו דין יין ישן, דהלא יין ראוי הוא למזיגה, ואפילו נימא דיינות שלנו נחשבים חלושים ואין למוזגם במים דמפיק הטעם שנקרא DILUTED - זהו דווקא כשהוא מזוג במים אבל במיזוג יין ישן עם מין יין אחר [ואפילו מיץ ענבים], אחד מחזק השני ושפיר דמי. ועיין בשו"ת הרי"ף (תשובה רצה) דאם הרוב מיין שאינו מבושל שם יין עליו

**מז.** שנאמר אל תרא יין כי יתאדם , ומשום זכר לדם, פסחים קח: ירושלמי פסחים פ"י ה"א, שו"ע סי' תע"ב סי"א, ובמ"ב סקל"ח.

**מח.** רוקח סי רפג, מטה משה סימן תרטו, חיי אדם כלל ק"ל ס"י. ועיין במ"ב סימן תעג סקס"ח שכוס שני אינו צריך שטיפה והדחה, ובסימן תעט סק"א שכוס שלישי צריך שטיפה והדחה אם אינו נקי, ולכאו' החילוק הוא שיש לחשוש שנדבקו בו שיירי סעודה. ויבדוק את הכוס שלא יהי' פגום (כף החיים סימן תעג סק"א לפי הזוהר הק' והתיקונים).

**מט.** רמ"א סימן רעג ומ"ב שם סק"ט.

**דער** מאס פון א בעכער דארף אנטהאלטן א שיעור רביעית:[נ].

**לויט** הגר"ח נאה - 86 מ"ל. [כמנין כו"ס],

**און** לויט דער חזו"א - 150 מ"ל [כמנין כוס הגון].

**לכתחילה** דארף מען אויסטרונקען דער גאנצע בעכער, און בדיעבד איז גענוג מיט טרינקען רוב. אפילו אויב דער כוס איז זייער גרויס [מער ווי א שיעור רביעית] זאל מען לכתחילה טרונקען דער גאנצע אדער רוב כוס, און בדיעבד איז גענוג א רביעית אדער רוב רביעית.[נא]

**לכתחילה** דארף מען טרינקען דער גאנצע רביעית[נב] [אדער כאטש רוב רביעית[נג]] אויף איינמאל, דאס מיינט אז מען זאל לכתחילה אראפ שלונגען מיט איין שלונג דער גאנצע רביעית, אויב מען קען נישט זאל מען זעהן צו טרינקען אזוי שנעל ווי עס געדויערט צו טרונקען כדי רביעית, ובדיעבד ביז כדי אכילת פרס. אבער עס האט געדויערט מער ווי כדי אכילת פרס - 4 מינוט, דאן דארף מען איבער טרינקען.[נד]

**עס** איז בעסער צו נוצן וויין וואס איז נישט מבושל - געקאכט, און אויך נישט געמישט מיט צוקער. אויסער אויב איינער האט מער ליב וויין וואס איז מבושל.[נה]

---

**נ.** שיעורי תורה שער ג, ושיעורין של תורה שיעורי המצוות סי"ח. ועי' מ"ב סי' רע"א סקס"ח, ובביה"ל שם ד"ה רובו, ובסי' תפ"ו סק"א.

**נא.** ולכן מי שקשה לו לשתות יין הרבה נכון שיקח כוס קטן המחזיק רביעית בלבד וישתה את כולו. שו"ע סימן תעב סעיף ט ובשו"ע הרב סי"ט, ומ"ב שם סקל"ג.

**נב.** מחצית השקל שם סקי"א בשם הב"ח.

**נג.** שו"ע הרב סימן תעב סעיף כ, מ"ב שם סקל"ד בשם מג"א.

**נד.** מג"א סימן תעב סקי"א, מ"ב סקל"ד, ובשער הציון סקמ"ז. ועיין לקמן הערה פב שיעור של כדי אכילת פרס.

**נה.** עיין בשו"ע סימן תעב סעיף יב, ובסימן רעב ובמ"ב (שם סקל"ט).

**עס** זענען דא וואס פירן זיך אז דער בעל הבית איז מוציא יעדע איינער מיט קידוש[נו], און עס איז דא וואס פירן זיך אז יעדער איינער זאגט צוזאמען קידוש[נז], די וואס פירן זיך צו מאכן אליין קידוש, דארף די בני בית געדענקען נישט צו זאגן 'שהחיינו' ווייל זי האט שוין געזאגט ביי הדלקת נרות.[נח]

**די** צווייטע נאכט מאכט מען 'יקנה"ז', יין - בורא פרי הגפן, און נאכדעם קידוש, נר - בורא מאורי האש, און נאכדעם הבדלה, און צום לעצט זמן - שהחיינו. מען מאכט נישט קיין ברכה אויף בשמים, עס זענען דא וואס פירן זיך אז די ווייבער זענען יוצא פון די מענער הבדלה, און עס זענען דא וואס פירן זיך אז די ווייבער זאגן אליינס אויך ברכת הבדלה, ונהרא נהרא ופשטיה.[נט]

**מען** טרינקט דער ערשטער כוס אנגעלאנט אויף די לינקע זייט, און מען מאכט נישט נאכדעם א ברכה אחרונה.[ס]

## ⊱ ורחץ

**מען** וואשט זיך די הענט און מ'זאגט נישט קיין ברכה על נטילת ידים,[סא] עס זענען

---

**נו.** שו"ע הרב סי' תע"ב סכ"ב, ובקהילות יעקב פסחים סי' ס"ד כתב שכן המנהג בכל תפוצות ישראל, ותמה ע"ז שלפ"ז לא נעשית מצות קידוש רק על כוסו של בעל הבית, ע"ש.

**נז.** משום פרסומי ניסא, ויגד משה סי' טו אות ז, וראה עוד שם בביאור הדבר דכיון שלכל אחד יש כוס לפניו שהרי הוא כוס ראשון מארבע כוסות, ממילא אין הם צריכים לצאת מבעה"ב כבכל שבת ויו"ט.

**נח.** ומותרת לענות אמן על ברכת בעלה, (שו"ת שבט הלוי ח"ג סימן סט), וטעמו מפני שבליל פסח ברכת השהחיינו שבקידוש קאי גם על מצות מצה ומרור, וכ"כ בשו"ת אגרות משה (ח"ד סימן קא) עיי"ש טעמו וראייתו לזה.

**נט.** עי' שו"ת באר משה (ח"ו סי' קל"ו) שיכולים לומר גם ברכת הבדלה, וכן דעת הגאון בעל שבט הלוי זצ"ל (מבית לוי קובץ ה'), מיהו במשנת יעקב (ח"ג בהגהה לסי' רצ"ו) סבירא ליה דלא תאמר אלא תשמע מבעלה, וכן הורה רביה"ק מסאטמאר זי"ע.

**ס.** שו"ע סימן תעג סעיף ב.

**סא.** ומי שבירך בטעות על נטילה זו טוב שלפני נטילת ידים לסעודה יביא את עצמו לידי חיוב

דא מנהגים וואס פירן זיך אז נאר די בעל הבית וואשט זיך, און טייל פירן זיך אז יעדע איינער וואשט זיך.[סב]

**ווען** מען וואשט זיך די הענט זאל מען מקפיד זיין אלע הלכות אזוי ווי מען וואשט זיך אויף המוציא.[סג]

## כרפס

**מען** נעמט א שטיקל גרינצווייג,[סד] צוליב די קינדער זאלן פרעגן.[סה] מען פירט זיך אז מען לאנט זיך נישט אן ווען מ'עסט די כרפס.[סו] און מען נעמט א קליין שטיקל וויניגער ווי א כזית כדי מען זאל נישט דארפן מאכן א נאך-ברכה, אויב מען האט געגעסן א כזית, דאן דארף מען נישט זאגן בורא נפשות וגו'[סז].

**מען** טינקט איין די כרפס אין זאלץ וואסער[סח]. און דערנאך מאכט מען א ברכה.[סט]

---

נטילה שנית (שו"ת רבבות אפרים ח"א סימן שא, וראה בביאור הלכה סימן תעה סעיף א ד"ה יטול, בשם שבלי הלקט שאע"פ שלא בירך, אם לא הסיח דעתו מנטילה זו עד שנוטל לאכילה).

**סב.** ושני טעמים נאמרו בנטילה זו, או משום היכר כדי שישאלו התינוקות על השינוי (חק יעקב סימן תעג סקכ"ח מובא בשעה"צ סקס"ט, חיי אדם כלל קל סעיף יט). או משום דכל שטיבולו במשקה חייב בנטילה, (ט"ז סימן תעג סק"ו, ומה שישב בחיי אדם שם). ונפק"מ אם כל המסובין ירחצו או רק הבעה"ב.

**סג.** מ"ב סימן קנח סק"כ

**סד.** והטעם שלוקחים מין הנקרא כרפס, מפני שהוא זכר לעבודת פרך [כרפ"ס הוא ס' רבוא עבדו עבודת פרך, (מהרי"ל סדר ההגדה עמוד צו). או זכר לכתונת פסים (רבינו מנוח בפירושו על הרמב"ם פ"ח מחו"מ ה"ב). והוא דומה לתבן שקוששו ללבנים (מהרי"ל שם).

**סה.** פסחים קיד: ופירש"י שם בע"א ד"ה עד, וטיבול ראשון כדי שיכיר תינוק וישאל, לפי שאין רגילין בני אדם לאכול ירק קודם סעודה. טור סי' תעג.

**סו.** מטה משה ס"ק תרכ"ה, ברכי יוסף סי' תע"ג סקי"ד. ובקיצור שו"ע סי' קי"ט ס"ג כתב לאכול בהסיבה.

**סז.** מ"ב סימן תעג סקנ"ג.

**סח.** מ"ב סקנ"ד

**סט.** ויברך אחר הטיבול (לשון השו"ע סימן תעג סעיף ו), ויש מברכין קודם הטיבול (אבודרהם סדר ההגדה, וכן דעת המהרי"ל הביאו המ"א סימן תעג סקי"ט ותמה עליו, ועי' בלבוש שם מש"כ ביישוב דברי המהרי"ל).

און מען דארף אינזין האבן ביי די ברכה צו פטר'ן די מרור וואס מ'גייט עסן ביים סעודה.[ע]

### יחץ

**מען** צוטיילט די מצה און העלפט, כדי עס זאל זיין לחם עוני[עא]. און מען באהאלט די האלבע מצה.[עב] און מען באהאלט די גרעסער חלק פאר אפיקומן. מען פירט זיך אז די קינדער כאפן אוועק דעם גרעסערע העלפט.[עג]

### מגיד

**מען** זאגט די הגדה, מען דארף געדענקען אז דאס א חיוב מן התורה צו פארציילן די ניסים פון יציאת מצרים פאר די קינדער.[עד] דערפאר דארף מען טייטשן די ווערטער זיכער מאכן אז די קינדער הערן אויס און פארשטייען וואס מ'זאגט.[עה]

**אויב** מען הייבט אן די סדר זייער שפעט, און מען זעהט אז אויב מען גייט זאגן די הגדה גייט מען נישט קענען עסן די כזיתים מצה פאר חצות, זאל מען

---

**ע.** מ"ב סימן תעג סקנ"ה.

**עא.** פסחים קטו:. ויש שכתבו שכדי שבשעת ברכת המוציא ימצאנה פרוסה (הריטב"א בסדר ההגדה, והר"ן פסחים דף כה, מדפי הרי"ף). וי"א שהוא זכר לקריעת ים סוף וירדן שנבקע בפסח.

**עב.** כדי שלא יבואו לאוכלו בסעודה, או כדי שישאלו התינוקות. (בית יוסף בשם הכלבו). וראה במאירי פסחים קטו: טעם נוסף שמתוך כך נותנים לב לאכול כזית מצה באחרונה.

**עג.** חק יעקב סי' תע"ב סק"ב, ע"פ הגמ' בפסחים קט. והרמב"ם פ"ז מחו"מ ה"ג "וחוטפין מצה זה מיד זה".

**עד.** כתב הרמב"ם (הלכות חמץ ומצה פרק ז הלכה א) מצות עשה של תורה לספר בנסים ונפלאות שנעשו לאבותינו במצרים בליל חמשה עשר בניסן, ואף על פי שאין לו בן, אפילו חכמים גדולים חייבים לספר ביציאת מצרים וכל המאריך בדברים שאירעו ושהיו הרי זה משובח. והאחרונים הקשו מה נתחדש במצות סיפור יציאת מצרים בליל הסדר והרי בכל השנה יש מצוה של זכירת יציאת מצרים, והגר"ח מבריסק ז"ל תירץ שיש ג' חילוקים בין הזכרת יצ"מ של כל השנה לסיפור יצ"מ בליל הסדר, א' שצריכים לספר לאחרים בדרך שאלה ותשובה, ב' שצריכים לספר כל השתלשלות הדברים וכן מתחיל בגנות ומסיים בשבח, ג' שצריכים לפרש טעמי המצוות. (עמק ברכה עמוד עו.) [ובשלה"ק מבואר שהאמירה יש לה כח לפעול אפי' עבור קטני קטנים, עד כדי כך שאפי' מניקות יביאו ילדיהם לשמוע הסיפור], ויאמרנו בהתלהבות. (עיין הגדה של פסח שם משמואל ד"ה 'מגיד' מה שהביא בעניין זה בשם אביו בעל האבני נזר).

**עה.** רמ"א (סימן תעג סעיף ו).

מאכן קידוש און גלייך נאכדעם זיך וואשן המוציא און עסן מצה און מרור פאר חצות, און דערנאך זאל מען זאגן די הגדה.[עו]

## מוציא מצה

**עס** איז דא א מצות עשה צו עסן מצה פסח ביינאכט, מען דארף אינזין האבן ווען מען עסט די מצה צו יוצא זיין די מצות פון 'אכילת מצה'.[עז]

**מען** נעמט דריי גאנצע מצות, די צווייטע מצה זאל זיין די גרעסטער,[עח] און דערנאך מאכט מען א ברכה 'המוציא וכו' און מען הייבט אויף אלע דריי מצות, און נאכדעם לאזט מען אפ די אונטערשטער מצה, און מ'זאגט 'על אכילת מצה' אויף

---

**עו.** משנ"ב (סימן תע"ז סק"ו). ומשמע דאחר חצות יכול לומר כל ההגדה, וגם ברכת אשר גאלנו.

ויש לתמוה, שהרי מאותו טעם שצריכים לאכול מצה קודם חצות צריכים ג"כ לקיים מצות סיפור יצי"מ קודם חצות, דבעינן "בשעה שיש מצה ומרור מונחים לפניך" (ראה מכילתא פרשת בא סו"פ י"ח, וקרית ספר סוף הלכות פסח, מנ"ח מצוה כ"א אות ב'), וא"כ מה עדיפות מצה מאמירת ההגדה, ובפרט מאכילת מרור שאינו אלא דרבנן? הנה בעצם הנדון אין הדבר ברור כי סיפור יציאת מצרים תלוי באכילת מצה, ומצינו אלו שסוברים דגם לשיטת ראב"ע חיוב סיפור יציאת מצרים הוא כל הלילה, ומה גם, שלכאורה לשיטת הסוברים דסיפור יציאת מצרים אינו נוהג רק עד חצות, לכאורה א"א לברך ברכה על הלל, והרי סתם המשנ"ב (סימן תע"ז סק"ז) דרק לכתחלה יש לומר קודם חצות, ודו"ק (וחזר בזה ממה שכתב בספרו "מחנה ישראל").

אלא אפילו לדעת הסוברים דזמן סיפור יציאת מצרים הוא עד חצות, מ"מ הרי מצינו רבים הסוברים (כשיטת הפרי חדש ועוד) דמקיים אותה באמירה כל דהו, ובמה שאומר בשעת קידוש "זכר ליציאת מצרים" כבר קיים מצות סיפור יציאת מצרים, וממילא לא נחית המ"ב לזה. אלא שעדיין יש לדון מצד מצות "והגדת לבנך", שלכאורה חיוב זה הוא ג"כ קודם חצות, ויל"ע בזה. ועיין בפירוש חסדי דוד על תוספתא (סוף מסכת פסחים) בענין הזמן עד שתחטפנו שינה.

**עז.** והיא המצוה היחידה של אכילה שיש לנו בזמן הזה מה"ת (שו"ת חתם סופר חו"מ סימן קצו).

שו"ע (סימן ס סעיף ד). ועיין בדרך פיקודך (מצוה י חלק המחשבה אות א) שמן הדין צריך לכוון. ובשו"ע סימן (תעה סעיף ד) כתב שאם אכל בלא כוונה יצא ידי חובתו, כיון שהוא יודע שהלילה פסח ושהוא חייב באכילת מצה, אבל אם סבור שהוא חול, או שאין זו מצה, לא יצא. ובמ"ב סקל"ד כתב דכמה פוסקים חולקין ע"ז, וס"ל דלפי מאי דקי"ל דמצות צריכות כונה אין לחלק בין מידי דאכילה לשאר מצות, וכל שלא נתכוין באכילה לצאת ידי המצוה לא יצא.

**עח.** שו"ע סימן תעה סעיף ז ברמ"א. המצה השניה צריכה להיות יותר גדולה מהשאר, כי ממנו צריך שני כזיתים להמצה וכזית אחד לאכילת אפיקומן (חק יעקב סקכ"ו, שו"ע הרב סימן תנח סעיף י).

די אויבערשטער צוויי מצות, און מען עסט איין כזית פון די אויבערשטער און איין כזית פון די מיטעלסטע מצה אנגעלאנטערהייט.[עט]

**לכתחילה** דארף מען עסןביידע כזיתים צוזאמען, דאס מיינט אז מען דארף עס אריין לייגן צוזאמען אין די מויל, איינמאל עס איז שוין אין דער מויל קען מען איינשלינגען יעדער כזית עקסטער.[פ] בשעת הדחק איז מען יוצא מיט איין כזית פוןביידע צוזאמען.[פא]

**אויב** עס איז צו שווער אריין צו לייגן ביידע כזיתים אויף איינמאל אין מויל, זאל מען עסן פון ביידע בתוך כדי אכילת פרס.

**כדי** אכילת פרס איז בערך 4-5 מינוט. איינער וואס איז אים שווער [א זקן אדער א חולה] צו עסן אזוי שנעל, קען ער עסן ביז 9-10 מינוט.[פב]

**שיעור** כזית: מדאורייתא איז דאס א חצי ביצה[פג]

**25** גרם לויט הגר"ח נאה

**45-50** לויט דער חזו"א.

**בדיעבד** [פאר א שוואכע אדער קראנקע מענטש] קען מען יוצא זיין מיט א שליש ביצה:

**17** גרם לויט הגר"ח נאה.

**30** גרם לויט די חזו"א.

**האנט** מצות זענען בערך 80 גרם א מצה.[פד]

---

**עט.** שולחן ערוך סימן תעה סעיף א. ועיין (סימן כז)

**פ.** שו"ע הרב סימן תעה סעיף ו, מ"ב סק"ט בשם מג"א.

**פא.** שו"ע הרב (סימן תעה סעיף ח), ובמ"ב סקי"א.וכן נהג החזו"א (עיין בארחות רבינו ח"ב עמוד ע).

**פב.** שיטת החת"ס והחז"א (הובא בשיעורין של תורה להגרי"י קניבסקי שיעורי המצות אות ל) נקט כדי אכילת פרס היינו 2 דקות, ובהגדת מבית הלוי כתב שהיינו 4 דקות, וי"א 9 דקות.

**פג.** שיעור אכילה מן התורה הוא בכזית נחלקו הפוסקים בשיעור כזית אם הוא חצי ביצה (שו"ע סימן תפו ס"א) או שליש ביצה (רמב"ם) והמשנ"ב (שם סק"א) מחמיר במצה כחצי ביצה. ויש מחמירין דכזית הוא ביצה שלימה (קובץ מבית לוי).

**פד.** ואין גודל המצות שוות, וצריך למדוד ולעיין בכל מצה בגודל השיעור.

**עס** זענען דא וואס פירן זיך אז די בעל הבית איז מוציא יעדער איינער, און דערנאך גיבט דער בעל הבית פאר יעדן א כזית פון יעדע מצה, אבער ביי א גרויסע פאמיליע מיט אסאך מענטשען קען דאס נישט צושטאנד קומען, וויבאלד די מצה איז צו קליין צו אנטהאלטן פאר יעדן איינעם צוויי כזתים.

**דערפאר** דארף מען געבן לכל הפחות איין שטיקל פון די אויבערשטע מצה פאר יעדער איינער, און די אבריגע פון די כזיתים זאל מען נעמען פון די אנדערע מצה שמורה.

**לכתחילה** זאל אלע מצות שוין זיין אויף די טיש בשעת די הגדה, צוליב עס זאל זיין לחם עוני.[פה]

**עס** זענען דא וואס פירן זיך אז יעדער איינער מאכט אליינס המוציא און על אכילת מצה אזוי האט יעדער זיין אייגענע כזיתים.[פו]

**די** וואס פירן זיך אז זיי זענען מוציא די ווייב און קינדער, זאלן זיי געבן די כזיתים מצה נאך די ברכה פאר ער הייבט אן צו עסן, וויבאלד אויב ער גייט ווארטן ביז ער ענדיגט עסן, וועט עס זיין צו א לאנגע הפסק פאר די וואס זענען מוציא.[פז]

**און** די וואס פירן זיך אז יעדער איינער מאכט א ברכה פאר זיך, זאל ער נישט מפסיק זיין צווישן זיין ברכה און זיין עסן צו טיילן די מצה, נאר יעדער נעמט פאר זיך אייגענע מצות.

**אויב** עס איז דא אין איין טאץ פון מצות אויסגעמישט שלימות און שבורות, און מען וויל נעמען א שלימה פאר לחם משנה, איז דא א חשש פון בורר.[פח]

**אויב** עס ליגט איין מצה אויף די צווייטע, קען ער אראפ נעמען איינס נאכן צווייטן ביז ער קומט אן צו די מצה וואס ער וויל.

---

**פה.** הגדת מבית לוי, ועיין בשיעורי קנה בושם שכתב דלא נהגו כן.

**פו.** עיין ברמ"א קסז סעיף א,

**פז.** עיין במנהגי החתם סופר (פרק י). ועיין בשו"ע הרב (סימן תעג סו"ס כד).

**פח.** שמירת שבת כהלכתה פ"ג סעיף ל בשם הגרש"ז אויערבך. ויש שהתירו חוט שני שבת א – ב עמוד עא, וטעמו שאין זה שני מינים ולא שייך בזה בורר. ועיין בביאור הלכה סימן שיט סעיף ג ד"ה לאכול

**יעדער** שטיקל מצה וואס מ'עסט פסח ביינאכט, איז מען מקיים א מצות עשה מדאורייתא.[פט]

## מרור

**עס** איז דא א חיוב מדרבנן צו עסן מרור פסח ביינאכט.

**מען** דארף זייער אכטונג געבן פון ווערם, צוליב דעם איז ראטזאם צו נוצן די אינעווייניגסטע חלק, וואס איז מער ריין, און דאס בודק זיין פאר יו"ט.[צ]

**מען** פירט זיך צו נעמען שאלאטן מיט חריין.

**די** שיעור מרור איז א כזית, אזוי ווי ביי אכילת מצה, פארט קען מען מער מקיל זיין, וויבאלד מרור איז מדרבנן.[צא]

## שולחן עורך

**מען** דארף אכטונג געבן זיך נישט אנצועסן צופיל ביי דער סעודה, כדי מען זאל קענען עסן דער אפיקומן לתיאבון.[צב]

**מען** פירט זיך צו עסן אן איי ביים סעודה[צג], מען עסט נישט קיין געבראטענע פלייש פסח ביינאכט, אפילו נאכדעם וואס עס איז שוין געקאכט געווארן מיט וואסער

---

**פט.** עמק שאלה להנציב סימן נג

**צ.** ואם שכח לבדוק לפני שבת, עיין לעיל הערה י'.

**צא.** עיין בשע"ת תעה, ולענין ברכה אם אוכל פחות מכזית מרור, עיין באבני נזר (סימן שפג) ובשאגת אריה ובשו"ת חת"ס (סימן קמ). ועיין במ"ב (תפו שם סק"א) שכתב דלכתחילה כיון שצריך לברך על המרור, נראה שאין להקל בזה.

**צב.** רמ"א סימן תע"ו סעיף א, ובמ"ב שם. וכתב הנצי"ב (הגדה של פסח 'אמרי שפר' להנצי"ב) שהטעם שמפסיקין באמצע ההלל בסעודה, ללמדנו בזה שגם הסעודה הוא לפני ה', והוא עצם השבח של ההלל שהעלנו השי"ת ביצ"מ, עד שגם אכילתנו הוא ענין מקודש

**צג.** רמ"א סימן תעו ס"א, וכתב הטעם זכר לאבילות משום שליל תשעה באב נקבע בליל פסח ועוד זכר לחורבן שהיו מקריבין קרבן פסח. ובמ"ב סקי"א כתב בשם הגר"א שהביצה הוא זכר לחגיגה, וע"כ צריך לאכלו.

עסט מען נאכאלס נישט[צד], עס זענען דא וואס זענען מחמיר און עסן אויך נישט פלייש וואס איז געווארן געפרעגלט.[צה]

### צפון

**נאכן** סעודה עסט מען צוויי כזיתים אפיקומן פון די אוועקגעלייגטע מצה, אנגעלאנטערהייט, לכתחילה זאל מען דאס עסן בעפר חצות.[צו]

**אויב** מען טרעפט נישט דעם אפיקומן, זאל מען נעמען אן אנדערע מצה שמורה.[צז]

**אויב** מען האט פארגעסן צו עסן די אפיקומן, און מען דערמאנט זיך איינמאל מען האט זיך שוין געוואשן מים אחרונים און זיך געגרייט צו בענטשען, זאל מען נישט בענטשען און דאן עסן די אפיקומן, און מען דארף נישט מאכן קיין נייע ברכה אויף די מצה.[צח]

**אבער** אויב מען דערמאנט זיך נאר נאכן בענטשען אז מען האט נישט געגעסן אפיקומן, אויב מען האלט נאך פאַרן אויטרונקען די כוס וויין, זאל מען זיך נאכאמאָל וואשן די הענט, און זאגן המוציא און עסן די אפיקומן. און ווען מען ענדיגט עסן, זאל מען איבער בענטשען און טרונקען די דריטע כוס.[צט]

---

**צד.** שו"ע סימן תעו ס"א ובמ"ב שם, ובסימן רעג סקל"ב הביא המ"ב מהחיי אדם שאין לזרוק את הצלי דזה ביזוי מצוה אלא יאכלנו אח"כ ביום, ובחו"ל בבוקר של יו"ט שני.

**צה.** שו"ת פני מבין סימן קכג על פי הפמ"ג יו"ד סימן פז שטיגון הרי הוא כצלי, אולם בפ"ת ובדרכ"ת שם הביאו דיש שחולקים על הפמ"ג וס"ל שטיגון הרי הוא כבישול.

**צו.** שו"ע סימן תעז ס"א. וידועים דברי האבני נזר (סימן שפא) שאם השעה קרובה לחצות יאכל כזית מצה, ויעשה תנאי שאם ההלכה כמ"ד שמצוותה עד חצות יהיה כזית זה לשם מצות אפיקומן, ואם ההלכה כמ"ד שמצוותה עד עלות השחר אין הוא מתכוון לצאת בזה ידי חובת אפיקומן, וימתין עד אחר חצות וימשיך סעודתו, ויאכל אפיקומן בסוף סעודתו. ובס' אסופות ר"ח הלוי עמ' קי"ב הביא בשם הגרי"ז מבריסק שאפילו תנאי א"צ לזה, מפני ששם אפיקומן חל על הכזית שאכל באחרונה.

**צז.** רמ"א שם סעיף ב.

**צח.** שו"ע סימן תעז ס"ב ובמ"ב סק"ח. ועיין לעיל בהערה ג' על המאמר "די גרויסקייט פון די ליל הסדר" טעם ע"ז.

**צט.** שו"ע סימן תעז סעיף ב ובמ"ב סק"ט.

**אויב** מען האט שוין געטרונקען די דריטע כוס, זאל מען זיך אויך איבער וואשן[ק] און עסן די אפיקומן, אבער מען זאל נישט טרונקען נאך א כוס נאכן בענטשען.[קא]

**מען** פירט זיך אז מען לייגט אוועק א שטיקל מצה פון די אפיקומן לשמירה.[קב]

**נאכן** אכילת אפיקומן, טאר מען גארנישט עסן, אבער מען מעג טרינקען וואסער אדער טיי, וואס נעמט נישט אוועק דער טעם פון די מצה.[קג]

## ברך

**מען** דארף אויסשווענקען דעם כוס פארן בענטשען.[קד]

**אויב** עס איז דא זימון, זאל דער בעל הבית אליין בענטשען.[קה]

**אויב** מען האט פארגעסן צו זאגן 'יעלה ויבוא' ביים בענטשען, דארף מען איבער בענטשען, אבער מען זאל נישט טרינקען נאך א כוס.[קו]

---

**ק.** ונחלקו הפוסקים אם צריך לברך על נטילת ידיו לאכילה זו, עיין בשו"ע הרב סעיף ח, ובמ"ב סק"ט בשער הציון.

**קא.** שו"ע הרב סעיף ט.

**קב.** חק יעקב סימן תעז סק"ג, מקור חיים סימן תעז אות ב, ועי' במ"א סימן תק סק"ז..

**קג.** שו"ע (סימן תפ"א סעיף א) ולענין קאווע או טיי, עיין במ"ב (שם סק"א), ובשעה"צ (סימן תעח סק"ד).

**קד.** ט"ז (סימן תעט) וכתב שם דיש ליזהר בזה טפי מכל השנים, ועיין בשו"ע הרב (סימן תעג לט) דאי"צ לשטוף ולהדיח בין כוס ג' לכוס ד'.

**קה.** רמ"א (סו"ס תעט). אם יש שלשה אנשים שאכלו כל אחד מהמצות שלהם באופן שכולם לא אכלו מצות של האחר, אין כאן צירוף מזומן כמבואר בשו"ע (סימן קצו סעיף ג). ואם יש אחד שאינו מקפיד לאכול מהמצה של אחר יזמן הוא, אע"ג שהוא אינו הבעל הבית (משנ"ב (שם סק"ט).

**קו.** שו"ע (סימן קפח סעיף ו), ועיין בשו"ת שרגא המאיר (ח"ז סימן קיז).

## הלל

**נאכן** בענטשען עפענט מען דער טיר און מען זאגט שפוך חמתך וגו׳,[קז] און דערנאך זאגט מען הלל, מיט ליב און דאנק פארן באשעפער, מען זאל זעהן צו אריין לייגן אסאך כוחות און פארשטיין וואס מ׳זאגט, אפילו עס איז שוין שפעט ביינאכט, זאל מען דאס זאגן מיט שמחה און התלהבות, מען מאכט נישט קיין פּאָר ברכה אויף הלל.[קח] אזוי אויך טאר מען נישט אויסרעדן אינמיטן הלל.[קט]

**פרויען** זענען אויך מחוייב צו זאגן הלל.[קי]

## ליל שימורים

**פסח** ביינאכט ווערט אנגערופן ליל שימורים אן אפגעהיטענע נאכט פון אלע מזיקים. דערפאר ליינט מען נישט קריאת שמע שעל המיטה, נאר פרשת ׳שמע׳.[קיא]

## חומרות ומנהגים

**עס** איז דא אסאך פארשידענע מנהגים און חומרות ביי כלל ישראל אינעם יו״ט פסח, יעדע חומרא און מנהג איז זייער באליבט ביי השי״ת, און מען טאר ח״ו נישט מזלזל זיין אין דעם.

**עס** שטייט אין ספר שו״ת מן השמים (סימן ע) אז די מִצְוֹת פון חמץ און מצה זענען געווען דער ערשטער מצות וואס די אידן האבן באקומען און עס אנגענומען באהבה, און מחמיר געווען דערויף אויף אלע פרטים, און ער פירט אויס, **וכל המאריך בדיקדוקיהם מאריכין לו ימיו ושנותיו.**

---

**קז.** רמ״א (סוף סימן תפ) ונהוגין לפתוח הדלת כדי לזכור שהוא ליל שימורים, ובזכות אמונה זו יבוא משיח וישפוך חמתו על העכו״ם (לשון הרמ״א). ונוהגין למזוג כוס אחד בשביל אליהו הנביא זכור לטוב (מ״ב שם סק״י).

**קח.** שו״ע (סימן תפ סעיף א), ועיין בשו״ע הרב (שם) ובביאוה״ל (שם ד״ה ויאמר עליו).

**קט.** שו״ע סימן תכב סעיף ד.

**קי.** מ״ב סימן תעט סק״ט.

**קיא.** רמ״א (סימן תפא סעיף ב).

**הרה"ק** ר' יחזקאל מקאזמיר זי"ע האט געטייטש: די גמרא (פסחים כט:) "חמץ אסור במשהו" אז יעדע מענטש לויט זיין מדריגה [משהו - מה-שהוא לפי מה שהוא ולפי מדריגתו] לויט דעם איז ער מחמיר און מדקדק און חמץ און מצה. דער משך חכמה (פרשת בא ד"ה ואתם לא תצאו) זאגט צוליב דעם וואס אונזער זיידעס אין מצרים האבן זיך מוסר נפש געווען מיט גדרים וסייגים צו זיך האלטן ערליך און פאלגן הקב"ה, דערפאר האט די תורה אזוי מחמיר געווען ביי די הלכות פון פסח מיט אסאך חומרות און גדרים מער ווי געווענליך.[קיב]

**חסל סידור פסח כהלכתו ככל משפטו וחוקתו,**

**ויה"ר שנזכה כולנו ליזהר ממשהו חמץ ולראות במהרה בנחמת ציון וירושלים, ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים, בקרוב נהל נטעי כנה פדויים לציון ברינה. אכי"ר.**

---

**קיב.** נוהגין שלא להתערב באכילה בפסח אלא לאכול כל אחד בביתו, ומקורו בזרע קודש (דרוש אחרון של פסח), ובצמח דוד (על פסח).